אַ גרויסער רודף שלום און פּשרה־מאַכער איז הרב קירשבלום. דער עיקר איז, ניט צו פאַרוואַסערען די פּרינציפּען. אויף די עיקרים פון דער אמונה וועט ער ניט מוותר זיין אויף אַ האָר. ס'איז אמת, אַז אַ „י" (יוד), וויפיל מ'זאָל ניט אַראָפּקראַצען פון אים, בלייבט אַלץ אַ „י", אָבער אפילו אויף אַזאַ פאַרמינערונג פון אידישקייט וועט ער ניט איינגעהן. דאָ איז ער אַ קנאי לגבי

אַלע וועלטליכע שותּפים אין דעם ציוניזם, מיט וועלכע ער ראַנגעלט זיך פאַר׳ן קלענסטען קוצו של יוד.

און שפּאַן נאָך שפּאַן, און טראָט ביי טראָט געווינט ער. ער געווינט חשיבות פאַר רעליגיעזער אידישקייט אין די אויגען פון לאַנג־דערוווייטערטע און ווייט־פאַרפרעמדטע. ער איז אַזוי מקדש השם. אין די טעג פון חנוכה, יאָר תשכ״א, האָט אַ מסיבה פון טויזענט מענשען, מיט פאַרכאַפּטען אָטעם געהערט, ווי אַזוי אַ פירענדע פערזענליכקייט אין ראַדיקאַלען ציוניזם, שטעהענדיג ביי דער זייט פון הרב קירשבלום, האָט זיך מתוודה געווען, געשלאָגען חטאתי און שיער־שיער זיך ניט דערקלערט פאַר אַ פולען בעל תשובה — צו פאַרדאַנקען דער השפּעה פון הרב קירשבלום, מיט וועמען ער אַרבעט נאָהענט אין ציוניזם. אַרום דער אייגענער צייט האָט מען אים אָנגעהויבען איינלאַדען צו רעדען אין ראַדיקאַלע צווייגען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אַן אומדערהערטע זאַך אין פריערדיגע צייטען. פאַר הרב קירשבלום איז עס געווען אַ גרויסע איבער־ראַשונג און איבערלעבונג. הרב קירשבלום טראָגט אויף דער שפּיץ צונג אוצרות מיט אידישע משלים, מעשות, אַנעקדאָטען און וויצען, און ער איז אַ גאָר גרויסער מייסטער צוצופּאַסען דעם ריכטיגען משל צו דער ריכטיגער געלע־גענהייט. האָט ער געעפענט די ערשטע אַזאַ באַגעגעניש, מיט פאָלגענדען משל:

געווען אַמאָל אין אַ שטעטעל אַ רייכער איד, אַ שעהנער בעל הבית, און ווען מען פלעגט אים אויפרופען צו דער תורה, פלעגט מען אים געבען די שעהנע עליה פון שלישי. אָבער דאָס רעדל האָט זיך אַ דרעה געטאָן און דער איד איז געוואָרען אַ יורד. איז געוואָרען אויס מיט׳ן אויפרופען און מיט שלישי. נאָר לסוף, אַז מען האָט זיך דערמאָנט, האָט מען אים געגעבען חמישי.

געהט דער איד אַרויף, שטעלט זיך פאַר׳ן ספר און שטעהט און שווייגט. פרעגט מען אים: ר׳ איד, וואָס שווייגט איר? פאַרוואָס מאַכט איר ניט די ברכה?

ענטפערט דער איד: זאָל מיר אסור זיין, אויב איך ווייס וואָס פאַר אַ ברכה מ׳מאַכט אויף חמישי...

אַזוי האָט הרב קירשבלום, טיפּזיניג און טיף־אידישלעך, אויסגעדריקט די נייע פּראָבלעמאַטיק פון דער באַגעגעניש פון רב און ראַדיקאַל נאָכדעם ווי מ׳איז געווען אַזוי לאַנג צעשיידט.

עס זיינען דאָ רעליגיעזע אידען וואָס גיבען אידישקייט אַ כמורנעם פּנים, אנדערע וואָס גיבען איר אַ זויערען פּנים, נאָך אַנדערע — אַ שוואַרצען

פנים. הרב קירשבלום גיט אידישקייט אַ פריידיגע ליכטיגקייט. ווען ער טרעט־אויף, מיט זיין אייביגען שמייכעל און גוטמוטיגקייט, אויף אַן אסיפה צו רעדען, דערפיהלט מען זיך דערפרישט ווי אין אַ זוניגען טאָג. אין זאַל נעמען פליהען גילדערנע רענדלעך, רענדלעך פון בליציגע געדאַנקען, פון שעהן־געטאָקטע פּראַזען, פון אידישען וויץ און פאָלקלאָר, שאַרפזיניג, שפּילעוודיג, שפּרודעלדיג מיט קראַפט, איבערפלוס, היגרייסונג, מיט שעפערישער פּראָדוק־טיוויטעט. און רעדעס פון אַמעריקאַנער ציוניסטען זינקען איין אָהן באַדייטונג ביי דער זייט פון זיינע רעדעס. וואָס איז זייער ציוניזם? געווען פילאַנטראָפּיע און אין תוך געבליבען פילאַנטראָפּיע. אָבער הרב קירשבלום׳ס רעליגיעזער ציוניזם איז וואונדער אין תוך און הויכפּונקט פון לעבען!...

פּרעמיער בן־גוריון טענה׳ט אַז אַ ציוניסט איז נאָר איינער וואָס באַזעצט זיך אין ישראל. די פראַגע איז אָבער אויך: וואָס פאַר אַ ציוניסט איז מען וואו מען זיצט? דער אַמעריקאַנער ציוניסט איז געגליכן צו יענעם שמש. אַ שמש איז געגאַנגען וועקען אידען צו סליחות. די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, די קהילה אַ גרויסע און דער שמש איז געקומען אין שוהל אַריין אַ מידער און דערפראָרענער. און ווען דער עולם איז אָנגעקומען און האָט זיך געשטעלט זאָגען, איז דער שמש אַנשלאָפען געוואָרען...

דאָס איז היינט אַמעריקאַנער ציוניסט. ניט אַזאַ ציוניסט איז הרב קירשבלום. מיט דעם אויפקום פון דער מדינה איז ער ניט שלאָבעריג און ניט שלעפעריג געוואָרען. מיט דער אויפקום פון דער מדינה האָט זיך דער ציוניזם פאַר אים ערשט רעכט אָנגעהויבען. עס האָבען אויפגעריסען אין אים נייע קוואַלען פון באַגייסטערונג, נייע פייערען פון אמונה, ער שפּרייט וואַרימקייט און דערהויבונג אומעטום.

✡

שטריכען*

פון ז. מ. קערשטיין

אין תלמוד געפינט זיך אַ מערקווירדיגער אויסדרוק איבער דער כאַראַקטעריסטיק פון יונג און אַלט, וועלכען אונזערע חכמים האָבען באַצייכענט מיט'ן פאָלגענדען מאמר „לא בסבי טעמא, ולא בדרדקי עצה". אויף פשוט'ן מאַמע־לשון מיינט עס — ביי אַלטע לייט איז ניט פאַראַן קיין טעם, די ענערגיע איז אָפּגעטעמפּט, דער ענטהוזיאזם און יוגענט־ליכער ברען איז ווי אויסגעוועפּט... ביי יונגע לייט פעהלט דער ישוב הדעת, די געזעצטקייט און גייסטיגע קראַפט פון געבען אַן עצה. דאָס איז אַ נאַטיר־ליכער פּסיכאָלאָגישער אמת. אונזערע חז"ל האָבען מיט די דאָזיגע ווערטער געוואָלט אויסדריקען דעם געדאַנק, אַז וואָס נוגע גייסטיגער דערוואַקסענקייט זיינען נויטיג ביידע אייגענשאַפטען: „טעם של צעיר" — יוגענטליכע פרישקייט, און די „עצה של סבי" — דערפאַהרונג און גייסטיגען כוח פון דעם עלטערען. אַט די דאָזיגע צוויי מעלות קאָמבינירט אין איין פערזאָן, ווערט ביי אונזערע חכמים באַטראַכט אַלס דעם פּראָטאָ־טיפּ פון גייסטיגער רייפקייט און אַ מדרגה צו שלמות.

די דאָזיגע אַקסיאָמע איז דער מאַסשטאַב וועלכען מיר דאַרפען אַנווענדען ביים אָפּשאַצען אידישע פיהרערשאַפט, וועלכע איז צום באַדויערען אין אונזערע צייטען צו אָפט פאַרגליווערט און סטאַטיש, ווייל עס פעהלט זיי אָדער „עצה" אָדער „טעם"... דאַרויף זאָגען עדות טאָג־טעגליכע דערשיינונגען אין דעם רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען לעבען פון'ם אמעריקאַנער אידענטום. אונזער געזעלשאַפטלער אידיש לעבען, אָפּגעזעהן פון גרופּירונג, וואָלט געווען אַ סך רייכער און ווירקזאַמער, ווען אונזער פיהרערשאַפט, וואָלט אָפטער און שטאַרקער צוגעצויגען צו זיך אַנדערע יוגענטליכע כחות, און דאַדורך האַרמאָניזירט די צוויי נויטיגע עלעמענטען פאַר דעם אידישען פאָלקס־קיום. דער פאַראייניגט כח פון יונג־אַלט, דאָס הייסט פון דעם היסטאָרישען אידישען דעוויז פון „בנערינו ובזקנינו נלך", האָט אונז תמיד געדינט ווי אַ פאַנצער

* „מאָרגען זשורנאַל", אלול, תש"ו.

געגען אַלע מיני אַסימילאַציעס און באַשיצט דעם גוף און די נשמה פון אידישען פאָלק.

גליקליכערוויזע, האָבען מאַנכע אידישע פיהרער, וועלכע שטעהן בראש פון גרויסע נאַציאָנאַלע אידישע קערפּערשאַפטען, גענומען לעצטענס איינזעהן די וויכטיגקייט פון צעמענטירען די יוגענטליכע כוחות און ביסלעכווייז געשטעלט אין פאָדער גרונט פעהיגע אידישע יונגע לייט, וועלכע זאָלען זיין שותפים אין זייער כלל ישראל אַרבייט. געוויסע אידישער פירער האָבען אָנגעהויבען צו פאַרשטעהן, אַז אויב זייער לעבענס־ווערק פאַר אַ געוויסען אידעאַל זאָל האָבען אַ קיום פאַר דער צוקונפט, איז נויטיג זיך איינצושאַפען מיט גייסטיגע יורשים ביים לעבען, און ניט וואַרטען ביז דער צייט ווען עס איז צו שפּעט...

עס וועט אפשר קלינגען פּאַראַדאָקסאל, אַז גראַד אין דער הינזיכט פון ניט איינשפּאַנען, אָדער צוגרייטען אינגערע מענשען צו שטופענווייזער פיהרערשאַפט, איז די אָרטאָדאָקסיע געווען מעהר הינטערשטעליג ווי אַנדערע גרופען... ערשט ווען געוויסע נאַציאָנאַלע און וועלטלעך אידישע קערפּער־שאַפטען האָבען אָנגעהויבען אַרויסרוקען אינגערע צו פירענדע פּאָזיציעס, האָבען די מעהר קאָנסערוואַטיווע עלעמענטען גענומען נאָכפאָלגען זייער ביישפּיל.

* * *

איינע פון די עלטסטע און גרעסטע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע אידישע קערפּערשאַפטען אין אַמעריקע וועלכע איז געווען פון די ערשטע צו אַנערקענען די באַדייטונג פון שעפערישע יוגענטליכע כוחות, איז די מזרחי באַוועגונג. אין משך פון די לעצטע יאָהרען, האָט די דאָזיגע גרויסע רעליגיעזע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַריינגעצויגען אין איהרע רייהען אַ היפּשע צאָהל אַמעריקאַנער רעליגיעזע יוגענטליכע, וועלכע פאַרנעהמען וויכטיגע אַמטען אין דער מזרחי באַוועגונג. אַחוץ די ספּעציפישע מזרחי׳סטישע יוגענט אָרגאַניזאַציעס גרופּירט אין דעם „הפועל המזרחי״, „השומר הדתי״ (חלוצישע אָרגאַניזאַציע), דזשוניאָר מזרחי פרויען, די מזרחי־יוגענט אָפּטיילונג, האָט דער מזרחי איצט אין זיינע רייהען יוגענטליכע פּירער אין דער אַלגעמיינער מזרחי אָרגאַניזאַציע — צווישען זיי אַ סך יונגע רבנים און בעלי בתים, וועלכע פאַרנעהמען שליסעל־פּאָזיציעס אין זייערע באַטרעפענדע קהלות.

און וואו זיי זיינען די באנער־טרעגער פאַר׳ן רעליגיעזען ציוניזם. אַט דער דאָזיגער גייסט פון יוגענטליכקייט אין דער היגער מזרחי באַוועגונג האָט זיך באַוויזען מיט העכער צעהן יאָהר צוריק, ווען אין דער פירערשאַפט פון דער מזרחי אָרגאַניזאַציע איז אריינגעבראַכט געוואָרען אַ ביאַליסטאָקער יונגערמאַן מיט׳ן נאָמען הרב מרדכי קירשבלום, וועמען דער דאַמאָלסדיגער מזרחי פּרעזידענט הרב זאב גאָלד ז״ל, האָט רעקאָמאַנדירט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע.

דער דאָזיגער אַמט איז אין מזרחי תמיד באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ העכסט פאַראַנטוואָרטליכער, און איז אַלע יאָהרען באַקליידט געוואָרען פון אָנגעזעהנע פּערזענליכקייטען מיט קלינגענדע טיטולען. ווען הרב גאָלד, האָט צו יענער צייט אנפאַרטרויט זיין באַליבטען תלמיד מרדכי קירשבלום מיט דער סעקרעטאַר אַמט אין מזרחי, איז עס באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ „רעוואָ־לוציאָנערער״ שריט, און אין דער אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישער וועלט איז עס געווען אַ דבר חדש... עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען זיך צו איבערצייגען אַז דער רבי האָט ניט איבערשאַצט זיין תלמיד, און אַז דער מזרחי האָט זיך ניט געניאַרט אין זיין קוים 26 יאָהריגען גענעראַל־סעקרעטאַר. דער יונגער קירשבלום האָט זיך גאַר שנעל אָריענטירט אין די אַדמיניסטראַטיווע אָנגעלעגענהייטען פון דער אָרגאַניזאַציע, האָט אַרויסגעוויזען אַז ער פאַרמאָגט שכל הישר אין פאנאנדערקלייבען זיך אין די פאַרשידענע פּראָבלעמען, און איבער אַלץ האָט ער זיך אַרויסגעוויזען אַלס איינער וועלכער איז טיף באַזעעלט מיט׳ן רעיון פון חבת ציון און דורכגעדרונגען מיט דער מזרחי׳סטישער אידעאָלאָגיע. טראָץ זיין יוגענט האָט דער נייער מזרחי סעקרעטאַר אַרויס־געוויזען טיפע פאַרשטענדעניש פאַר פּאָליטישע קאָניוקטורען, און אַ רייפקייט פון אַן עלטערען דערפאַרענעם פּאָליטיקער, אַזוי אַז ווען ער איז געקומען מיט זיין ערשטען באַריכט צו דער מזרחי קאָנווענשאַן, האָבען די דעלעגאַטען דערזעהען פאַר זיך אַ נייעם „שטערען״, אַ דינאַמישען יונגען פירער, וועלכער האָט אַרויסגערופען באַגייסטערונג סיי מיט זיין יוגענטליכען ברען, סיי מיט זיין פייערדיגער רעדנער־קראַפט, וואָס איז אַן און פאַר זיך אַ וויכטיגער אטריבוט וואָר אַ וויכטיגן בעאַמטען אין אַזאַ אָרגאַניזאַציע ווי דער מזרחי.

ביי דער דאָזיגער קאָנווענשאַן איז אַלס פּרעזידענט דערוועהלט געוואָרען דער מזרחי וועטעראַן און שריפטשטעלער א. ל. געלמאַן. דער יונגער סעק־רעטאַר, וועלכער איז בטבע אַ נוח עם הבריות איז שנעל געוואָרען דער חבר און קאָלעגע פונ׳ם נייעם פּרעזידענט, און אַ דאנק זייערביידענ׳ס האַרמאָנישער

צוזאַמענאַרבייט האָט זיך אָנגעהויבען אַ נײַ קאַפּיטעל פון לעבהאַפטער טהעטיגקייט און קאָנסטרוקטיווע דערגרייכונגען אין דער אַמעריקאַנער מזרחי באַוועגונג.

אַ דאנק די אַלע מעלות איז הרב קירשבלום שטאַרק אויסגעוואַקסען אין זיין פיהרערשאַפט. פאַרטרעטענדיג זיין אָרגאַניזאַציע אין די העכסטע אינסטאַנצען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, האָט ער געוואונען די אנערקע־נונג אין די ברייטעסטע קרייזען אין דער ציוניסטישער וועלט און האָט זיך דערוואָרבען פּאָפּולאַריטעט צווישען אַלע שיכטען פון דעם רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען אידענטום. ער האָט אָפט באַרייזט די לענג און ברייט פון׳ם אמעריקאַנער קאָנטינענט. אַדרעסירט אָהן אַ שיעור מאַסען־פאַרזאַמלונגען, און קאָנפערענצען לטובת דער מזרחי און פאַרשיידענע ציוניסטישע אינטערעסען, ווי אויך לטובת פילע אונטערנעהמונגען וואָס האָבען אַ שייכות מיט׳ן רע־ליגיעזען אידענטהום, ווי חינוך, שבת, כשרות. דער יונגער קירשבלום ווערט היינט באַטראַכט אַלס איינער פון די אָראַטאָרס און ציהט שטענדיג אַ גרויסען עולם מיט זיין דריי־שפּראַכיגער פעהיגקייט אין אידיש, העברעאיש און ענגליש.

מיר וועלען בלויז אָנווייזען אויף עטליכע ספּעציפישע טעטיגקייטען אין וועלכע דער יונגער מזרחי פיהרער האָט זיך אויסגעצייכענט אין משך פון די לעצטע צעהן יאָהר. זיי זאָגען עדות ניט בלויז אויף זיין טאַלאַנט און פעהיגקייט אַלס רב און דרשן, אָרגאַניזאַטאָר און פאָלקס רעדנער, נאָר פיל מעהר ווי דאָס. קירשבלום׳ס בייטראַג צום רעליגיעזען ציוניזם און צום תורה אידענטום, איז אַן אַרויסרוף און אַ באַשטעטיגונג, אַז אויב מיר ווייסען ווי צו שעצען און אויסנוצען די פּאָטענציעלע כוחות פון אונזער יוגענט איז עס אַ ברכה פאַר אידישע באַוועגונגען, אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר וואָס נוגע דעם המשך פון אידענטום, און אַ מוסר השכל פאַר׳ן איינגערען דור.

* * *

קירשבלום׳ס וויגעלע איז געשטאַנען אין ביאַליסטאָק, די אַמאָליגע עיר ואם בישראל, די „חבת־ציון שטאָדט״ פון׳ם באַרימטען תורה־ריז, דער גייסטיגער פאָטער פון׳ם רעליגיעזען ציוניזם און פיהרער פון דער חבת ציון באַוועגונג הגאון ר׳ שמואל מאָהליווער זצ״ל. אָט דער גייסטיגער הינטערגרונט פון קירשבלום׳ס רעליגיעז־נאַציאָנאַלער דערציהונג, האָט אויסגעטראָטען דעם „דרך המלך״ פון זיין קינפטיגער קאַריערע. עס איז דערפאַר קיין וואונדער

ניט, וואָס זייענדיג דערצויגען אין אַ גייסטרייכער סביבה פון תורה און ארץ ישראל, פאַרנעהמען אַט די יסודות פון אידענטום דעם צענטראַלען פונקט פון זיין גאנצען וועזען. דערפאַר איז לייכט צו פאַרשטעהן פאַרוואָס ער האָט זוכה געווען אין זיין פריעסטער יוגענט צו זיין דער „נושא כלים" פון גדולי הדור, וועלכע זיינען געווען זיינע רביים אין תורה און שפעטער פון באריהמטע אידישע פיהרער, וועלכע באַטראַכטען איהם ווי אַ חבר בדעה — אַ קאָלעגע אין ד'ער אַרבייט פאַר תורה און ציון.

הרב קירשבלום'ס אָפיציעלער אַרויסטריט אַלס מזרחי פיהרער איז געווען אויף די ציון־קאָנגרעסען אין 1937 און 1939, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. אינצווישען האָט איהם די מזרחי קאָנווענשאָן מכבד געווען מיט אַ רייזע קיין ארץ ישראל, און אונטערוועגנס האָט ער אנטייל גענומען אַלס מזרחי' פאַרשטעהער, אין דער וועלט־קאָנפערענץ פונ'ם קרן היסוד אין אנטווערפען. אין 1940 איז ער באַשטימט געוואָרען אַלס יושב ראש פון דעם „מחלקת חרדים" — די רעליגיעזע אָפטיילונג ביי אידישען נאַציאָנאַל פאָנד אין אמעריקע, פון וועלכער ער איז איינער פון די פראָמינענטסטע פיהרער זייענדיג אַ טהעטיגער מיטגליד אין דער פירערשאַפט פונ'ם קרן קימת לישראל. אויף זיין צווייטע רייזע אין ארץ ישראל האָט קירשבלום פאַרטראַטען דעם אידישען נאַציאָנאַל־פאָנד אין אמעריקע ביים גרויסען צוזאַמענפאָהר „כנוס קול האדמה", ווי אויך ביי דער חנוך־צערעמאָניע פון דער נייער מזרחי קאָלאָניע „משואות יצחק". מיט עטליכע חדשים צוריק איז ער אַרויסגערופען געוואָרען קיין מעקסיקאָ, צו עפענען דעם דאָרטיגען נאַציאָנאַל־פאָנד קאמפיין. זיינע אַרויסטריטען אין מעקסיקאָ האָבען אויף די דאָרטיגע ציון פיהרער געמאַכט אַזאַ רושם, אַז זיי האָבען איהם באַערט מיט פלאַנצען טויזענט בוימער אוי זיין נאָמען, אינ'ם „יער מעקסיקאָ", אין ארץ ישראל.

אַ באַזונדער רייך קאַפּיטעל אין קירשבלום'ס טהעטיגקייט איז געווען זיין צוזאַמענאַרבייט מיט'ן רב ראשי פון ארץ ישראל הגאון דר. יצחק הערצאָג (זצ"ל), בעת ער האָט פאַר דער מלחמה באַזוכט אַמעריקע אין די אינטערעסען פון דער רעליגיעזער יוגענט־עליה קיין ארץ־ישראל. דאָס איז אויך דער פאַל מיט דעם נשיא פונ'ם וועלט־מזרחי הרב ר' מאיר בר־אילן, וועלכער האָט איהם זעהר געוואָלט האָבען אַלס שטענדיגען מיטאַרבייטער אין ארץ ישראל.

דערמיט שעפט זיך נאָך ווייט ניט אויס קירשבלום'ס טעטיגקייטען. אַ חוץ זיינע טאָג־טעגליכע אויפגאַבען איז הרב קירשבלום, שטאַרק טעטיג אַלס

פּאָליטישער פּאָרשטעהער אין דעם אַמעריקאַנער ציוניסטישען עמוירדזשענסי קאונסיל; אין דעם „יונייטעד פּאַלעסטיין אַפּיל"; „קרן היסוד"; „ועד ההצלה"; „ועד החינוך החרדי ע"י המזרחי", און גיט אויך זיין צייט לטובת פאַרשידענע ישיבות. פאַראַן אָבער איין גייסטיגער ווינקעל אין זיין פרוכט־באַרען לעבען פון וואַנען זיין השפעה האָט וויטגרייכענדע קאָנסעקווענצען אויפ'ן אינגערען דור. דאָס איז זיין גייסטיגע פיהרערשאַפט אַלס רב פון דעם „דזשואיש קאָמיוניטי האוז", אין בענסאָנהורסט (ברוקלין). פון דער דאָזיגער בימה לאָזט דער יונגער קירשבלום הערען זיין שטימע שבתים און ימים טובים, איבער אַלע ברענענדע אידישע צייט־פּראָבלעמען, און איז מרביץ תורה. אַלס אַנערקענונג פאַר זיין אַרבייט אַלס מנהיג רוחני, איז ער לעצטענס באַערט געוואָרען פון דעם אויבענדערמאָנטען סענטער.

* * *

צום שלוס עטליכע ביאָגראַפישע שטריכען. הרב מרדכי קירשבלום איז געבוירען געוואָרען, דעם 15טען מאַרטש 1910 (י"ב אדר, תרס"ח), אין ביאַליסטאָק. זיין פאָטער ר' משה ז"ל איז געווען אַ בן תורה און חובב ציון און איז אויך געווען אין אַמעריקע טעטיג אין מזרחי און אַן עוסק בצרכי צבור. זיין מוטער פייגע ריבה (ע"ה), איז באַוואוסט פאַר איהר גרויס פרומקייט און צדקות, באַזונדערס צו אָרימע לייט. זי איז פון יענע וויניג־פאַרבליבענע היימישע נשים צדקניות, וועלכע זאָרגט בלויז פאַר אַנדערע. ווען מיט עטליכע יאָהר צוריק איז דאָ געגרינדעט געוואָרען די ביאַליסטאָקער ישיבה „בית יוסף", האָט זי, טראָץ איהר עלטער, געקאָכט מיטאָגען פאַר די ישיבה בחורים. נאָך אין ביאַליסטאָק זיינען די עלטערען געווען פון די באַוואוסטע חובבי ציון עסקנים. ר' משה ז"ל איז דרייסיג יאָהר געווען דער גבאי פון „משכן יעקב" בית מדרש וואו ער האָט געגרינדעט די חברה ש"ס און אַנדערע מוסדות וועלכע האָבען עקזיסטירט ביז דעם אָנקום פון דעם נאַצישען הער־שאַפט. אָט אין אַזאַ תורה'דיגער הויז, האָט דער יונגער מרדכי'לע פון זיין פריהעסער יוגענט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט און די לעהרען פון תורה, די אידעאַלען פון ישוב ארץ ישראל און איהר פראַקטישער אַרבייט פון יענער צייט, אַזוי אַז פון קינדורייז אָן האָט ער נאָכגעפאָלגט אין די וועגען פון זיינע עלטערען און איז געוואָרען צוגעבונדע צו שוהל ענינים און עסקנות. צו 9 יאָהר האָט ער שוין געקראָגען אַן אויסצייכנונג פאַר ידיעות אין תנ"ך בעל פה. נאָך איידער ער איז אָנגעקומען אין די גרעסערע ישיבות, האָט ער „זיך שוין

געפונען" אַלס ציוניסט, ווייל זיין קינדערשער מח פלעגט אויפכאַפּען דעם נאַציאָנאַלען מאָמענט פון אונזער תורה.

איינער פון זיינע ערשטע רביים, וועלכער האָט איהם געגעבען אַנער־קענונג איז געווען דער ביאַליסטאָקער רב און מזרחי פיהרער, הגאון ר' דוד פאיאנס, וועלכער האָט זיין צעהן יאָהריגען תלמיד געגעבען אַ מתנה, אַ תנ"ך מיט אַ ספּעציעלער אויפשריפט פאַר זיינע אויסצייכענונגען אין לערנען. ער איז דאַן אַריבער אין דער שטאָדט־ישיבה וואו ער האָט עטליכע יאָהר געלערענט מיט התמדה אונטער זיין רבי'ן דעם ביאַליסטאָקער ראש ישיבה, הגאון ר' ארי' ליב יוכט (איצט ראש ישיבה אין תל־אביב). צו 13 יאָהר איז דער ישיבה־בחור געקומען קיין אמעריקע, וואו ער איז גלייך אריין אין ישיבת ר' יצחק אלחנן, און איז גלייכצייטיג געוואָרען טעטיג אין דער היגער יאָנג איזראַעל באַוועגונג, וואו ער האָט אָנגעפיהרט מיט שיעורי תורה, פארשיידענע קורסען איבער ארץ ישראל. שוין דאַן האָט דער עולם אַנערקענט זיין רעדנער־קראַפט, און ער איז אויסגענוצט געוואָרען אַלס רעדנער פאַר פאַרשיידענע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. אין משך פון אַ קורצער צייט, האָט ער זיך אַזוי פאַרפולקאָמט אין דער ענגלישער שפּראַך, אַז ער איז געווען פון די ערשטע וועלכער האָט אין יאָנג איזראַעל געלערענט דעם שיעור גמרא אויף ענגליש, און דאדורך צוגעצויגען גרעסערע צאָהלען תלמידים פון דער אַמעריקאנער אידישער יוגענט. אַ דאַנק דער דאָזיגער דערציערישער אַרבייט צווישען דער יוגענט איז זיין נאָמען באַוואוסט געוואָרען אויסער ניו יאָרק, און אין 1931 איז דער יונגער רב איינגעלאַדען געוואָרען אַלס פּרינציפּאַל או עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דער צענטראַלער תלמוד תורה אין סקרענטאָן, פענסילוויייניע, ווי אויך פון דאָרטיגען יאָנג מענס היברו אַסאָסיאיישאָן. דאָ האָט ער ערשט געקראָגען די געלעגענהייט אויסצואיבען זיין גייסטיגע השפעה אויף דער יוגענט, אוי אַזוי ווייט, אַז די תלמידים אין סקרענטענער תלמוד תורה האָבען ניט „גראַדואירט" זייער אידישקייט מיט „בר מצוה", נאָר פארטגעזעצט זייער לערנען, און פילע פון זיינע תלמידים זיינען געקומען אין ישיבת ר' יצחק אלחנן. אין סקרענטאָן האָט זיך אויך אָנגעהויבען קירשבלום'ס פילזייטיגע קהל'שע טהעטיגקייטען, באַזונ־דערס פאַר'ן מזרחי, וואו ער האָט אויפ'ן רוף פון זיין רבי'ן הרב גאָלד (דאַן אויך געווען דער רב פון „שומרי אמונה" שוהל אין באָראָ־פּאַרק) אָרגאַניזירט אַ שטאַרקע מזרחי גרופּע, וועלכע ער האָט אָנגעפיהרט ביז 1935 ווען ער איז געקומען קיין ניו יאָרק איבערנעהמען זיין נייעם אַמט אַלס מזרחי סעקרעטאַר.

* * *

עטליכע שורות פון צוויי באַריהמטע אידישע פערזענליכקייטען, כאַראַק־טעריזירען די פילזייטיגקייט פון הרב קירשבלום.

איין ציטאַטע איז פון דעם מזרחי פירער הרב מאיר בר־אילן (בערלין), וועלכער האָט אָנגעשריבען אויף זיינס אַ בילד צו הרב קירשבלום די פאָלגענדע ווידמונג:

„לר׳ מרדכי שלנו. בעל רגש, בן בינה, אוהב ציון מסור למזרחי בכל לבו ונפשו, איש העתיד בתנועתנו — לאות ידידות וקרבת רוח". — און אַ צווייטען וואָרט פון דעם פאַרשטאָרבענעם תל־אביב׳ער רב־ראשי הגאון ר׳ אביגדור עמיאל ז"ל, וועלכער טייטש אויס דעם געדאַנק פון דעם מאמר צום אריינפיהר פונ׳ם אַרטיקעל: „אך מה טוב ומה נעים שיתאחדו יחד העצה של סבי והטעמא של דרדקי לבנות בעצה וטעם את עמנו וארצנו". די דאָזיגע ווערטער זיינען ווי אָנגעמאָסטען אויף דעם יונג־אַלטען ר׳ מרדכי קירשבלום.

הלואי שירבו כמותו בישראל!

הרב מרדכי קירשבלום אַ בן־חמישים

פון פנחס שטיינוואַקס

הרב מרדכי קירשבלום איז באַקאַנט דעם אַמעריקאַנער אידענטום און דער אידישער וועלט בכלל אַלס דער וואָס פאַראייניגט אין זיך דעם חוט המשולש פון: תורה, ציון און אחדות־ישראל, וואָס האָט געלייגט די חתימה אויף זיין לעבען, און האָט אויך פון זיין פריסטער יוגענט געלייגט דעם חותם אויף זיין פערזענליכקייט.

תורה און ציון באַדייט פאַר הרב מרדכי קירשבלום די באַשטעטיגונג פון דעם היסטאָרישען אידישען אמת, אַזביידע זענען אומצעטיילבאַר צווישען זיך, און אַז תורה אָן ציון, אָדער ציון אָן תורה איז נאָר אַ טייל פון דער גאָלדענער קייט פון יהדות.

צוזאַמען מיט תורה און ציון איז אחדות ישראל אַ דריטער רינג אין דער גאָלדענער קייט פון יהדות.

קיינמאָל נישט אַזוי ווי היינט איז אין אידישען לעבען נויטיג אחדות, געאייניגטע כוחות, וואָס זאָלען זיין ביכולת אָפצושלאָגען און זיך אַנטקעגענ־צושטעלען אַלע אָנגריפן, וואָס קומען פון שונאי ישראל אויף דער אידישער מדינה און אויף אידיש לעבען אין חוץ לארץ. עס איז תמיד געווען דער טרוים פון אונזער פאָלק צו דערגרייכען צו דער מדרגה פון: „ויען כל העם קול אחד״.

אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק זאָל ענטפערען איינהייטליך, פאַראייניגט און נישט צעשפליטערט. אַ צו הויכען פרייז האָט דאָס אידישע פאָלק אין זיין מאַרטירער געשיכטע געצאָלט פאַר צעשפליטערטקייט, פאַר׳ן פעלן פון אחדות, פאַר פירוד הלבבות, פאַר מחלוקת׳ן און קריגערייען, וואָס הערשען צווישען אידען, צווישען כל־ערליי גרופּעס און יחידים. גאָר אנדערש וואָלט אונזער געשיכטע אויסגעזען ווען אונזער פאָלק וואָלט געווען פאַראייניגט, וואָלט גערעדט פה אחד, און געהאַנדעלט בלב אחד, ווי עס ווערט געשריבען אין ספר ירמיהו:

„ונתתי להם לב אחד ודרך אחד ליראה אותי כל הימים לטוב להם ולבניהם אחריהם״.

זיין פאַרצווייגטע טעטיגקייט אין דעם לאַגער פון רעליגיעזן ציוניזם האָט הרב מרדכי קירשבלום געווידמעט צום הויפט צוועק, נעמליך, צו דערגרייכען אחדות צווישען מזרחי און הפועל המזרחי, און דורך פאַראייניגונג צו קאָנען מיט פאַרשטאַרקטע כוחות אויפטאָן גרויסע מעשים פאַר תורה און ציון. די פאַראייניגונג פון ביידע גרופען אין דעם רעליגיעזן ציוניזם איז צו שטאַנד געקומען. הרב מרדכי קירשבלום איז געווען פון די הויפט אַרכיטעקטען, וועלכע האָבען די פאַראייניגונג צו שטאַנד געבראַכט. עס איז דער הייסער באַגער ביי הרב מרדכי קירשבלום אויסצוברייטערען זיין אַרבעט פאַר אחדות אויך צווישען כלל ישראל.

* * *

הרב מרדכי קירשבלום האָט זיך קונה שם געווען אין אַמעריקע, אין מדינת ישראל און איבער דער פרייער אידישער וועלט אַלס גרויסער אָראַטאָר, אַלס טריבון, וועלכער רעדט אין דריי שפראַכן: אין העברעאיש, אידיש און ענגליש. ער איז אַ מייסטער אויף צו האַלטען אין שפאַנונג זיינע צוהערער אויף וועלכען לשון ער זאָל צו זיי נישט רעדן. זיינע ציטאַטן פון די מאמרי חז״ל, פון אוצר פון אונזער אַלטער אידישער ליטעראַטור, וואו ער איז אַ בן בית און פון דער וועלט ליטעראַטור, נעמען שטאַרק אויס ביי זיינע צוהערער, וועלכע פאָלגען נאָך יעדען געדאַנק זיינעם, וואָס ער ברענגט אַרויס מיט אַ זעלטענער פאָרם פון הסברה.

נישט נאָר צווישען רעליגיעזע אידען האָט זיך הרב מרדכי קירשבלום קונה שם געווען מיט זיינע רעדעס, נאָר אויך צווישען אַלע קרייזען פון אידיש געזעלשאַפטליכען לעבען אין אַמעריקע, און אין אַנדערע לענדער פון דער פרייער אידישער וועלט, וואָס אים קומט אויס פון צייט צו צייט צו באַזוכען אין די אינטערעסען פון ציוניזם און מדינת ישראל. אויף זיצונגען פון ציוניסטישען אַקציאָנס קאָמיטעט, אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן געהערט הרב מרדכי קירשבלום צו די רעדנער צו וועמען מען הערט זיך צו זעהר אויפ־מערקזאָם, צו וועמענס ווערטער מען לייגט צו קאָפּ.

* * *

עס ווערט דערציילט, אַז אַ מקורב פון אַ גרויסן צדיק, אַ מקובל בדור, האָט זיך אַמאָל געהאַט אויסגעדריקט:

„ער איז אַ מענש און דערפאַר האָב איך אים ליב, און דערפאַר געהער איך צו זיינע חסידים".

אין דעם זאָג ליגט אייגענטליך דער שליסעל צו דער פאַרבענרייכער פאָליטיש־געזעלשאַפטליכער קאַריערע, וואָס אונזער יובילאַר — הרב מרדכי קירשבלום — האָט באַוויזען צו דערגרייכען אין אַ גאָר קורצער צייט. אַלע האָבען אים ליב און געהערען צו זיינע פאַרערער צוליב דעם, ווייל ער איז אַ מענש! דער בראשית ביי אים איז מענשליכקייט. דאָס איז ביי אים אויפ'ן ערשטען פלאַץ און אַלץ איבעריגע קומט נאָך.

הרב מרדכי קירשבלום האָט זיך דערוואָרבען אַ נאָמען אין דעם אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען אַלס נוח לבריות, אַלס אַ מענש מיט וועמען מען קאָן דורכקומען. ער שפּאַרט זיך נישט איין אויף קיין קוצו של יוד. ער איז מענשליך. ער ווייסט, אַז אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אין יחסי־ציבור, קען מען מיט איינגעשפּאַרטקייט ווייט ניט דערגיין. בכדי צו קענען דערגרייכען אַ געמיינזאַמען ציל, איז אַמאָל נויטיג אַנטקעגענצוקומען אַ קעגנער. וואָרים אויב נישט, אויב מען פאַרבלייבט איינגעשפּאַרט, איז דאָך אין לדבר סוף, קען מען דאָך קיין ציבור נישט שאַפען, דאַרף מען זיך דאָך אָפּזונדערן פון דער וועלט. חוות דעת ציבור ווערט דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרשיידענע גרופּען, וועלכע פאַרטרעטען פאַרשיידענע אינטערעסען, איז אַמאָל נויטיג צוליב טובת הכלל צו געפינען דעם בשותפותדיגען וועג, וואָס זאָל אַלעמען פאַראייניגען און נישט צעטיילען.

נאָר אין ענינים, וואָס רירען אָן די עיקרים פון אמונה און דת וועט הרב מרדכי קירשבלום ניט נאָכגעבען, ניט אָפּטרעטען אויף אַ טפח אפילו פון זיין שטאַנדפּונקט, פון זיין אמונה פּרינציפּ. אין אַלע אַנדערע פּאָליטיש־געזעלשאַפטליכע פראַגען ווערט ער פאַררעכענט פאַר אַ בית־הלל מענש, פאַר אַ מקיל און נישט פאַר קיין מחמיר.

הרב מרדכי קירשבלום'ס הויפּט כלי־זיין אין זיין פאַרצווייגטער כלל אַרבעט באַשטייט פון אַ פּיר־עק, פון:

„מחשבה, רצון, וואָרט און טאַט".

אַלע גייען ביי אים האַנט אין האַנט. געוויינטליך זאָגט מען דאָך, אַז פון רעדען ביז צום טאָן איז אַ גרויסער מהלך; מען קען טאַקע שיין רעדען, באַצויבערן מיט שיינע ווערטער, אָבער צו מעשים קומט עס ניט, און דאָרטן

וואו ס׳זענען ניטאָ קיין מעשים, ווערט דאָך אויך דאָס וואָרט אוממעכטיג, וואָרים דער כח פון וואָרט קומט דאָך ערשט צום אויסדרוק דורך דער טאַט — און דאָס זאָל אייגענטליך זיין דער ריכטיגער טייטש פון אויסדרוק: „נעשה ונשמע" — און ביידע: סיי דאָס וואָרט און סיי די טאַט ווערען געקרעפטיגט פון דער מחשבה און פון רצון.

מיט די אַטריבוטען פון דערמאָנטן פיר־עק איז הרב מרדכי קירשבלום גאָר שטאַרק געבענשט. ווער עס קען זיין מיפולע טעטיגקייט פאַר דער תורה־באַוועגונג אין אַמעריקע, ווער עס האָט נאָכגעפאָלגט זיין אַרבעט אין דער מזרחי־פּאַרטיי, נאָך איידער ער איז געוואָרען פרעזידענט, און אין דער צייט פון זיין פרעזידענטשאַפט, ווייסן, אַז ביי אים גייט תמיד וואָרט און טאַט צוזאַמען, אַז ער לייגט תמיד דעם טראָפּ, דעם דגש חזק אויף דעם נאה־מקיים און ניט נאָר אויף דעם נאה־דורש.

מקורבים פון הרב מרדכי קירשבלום דערציילען, ווי אימיצער פון זיינע נאָכפאָלגער האָט אַמאָל געהאַט געזען ווי ער האָט זיך איינגעשפּאַנט אין אַן אַרבעט פון גיין צו אידען מבית לבית פאַר אַ געוויסען תורה צוועק, האָט ער צו אים געזאָגט: הרב קירשבלום! דאָס וואָס איר טוט איצט געהערט נישט צו אייער אַרבעט. צו אייך געהערט דער עמוד, ווען מענס מייסטער פון וואָרט איר זענט... איר דאַרפט זיך נאָר פאַרנעמען מיט דער פאַרשפרייטונג פון רוח, פון גייסט. אויף דעם זאָל הרב מרדכי קירשבלום האָבען געענטפערט: „ר׳ איד! איר מאַכט אַ טעות אויב איר מיינט אַז די פאַרשפרייטער פון גייסט זענען פּטור פון מצוות־מעשיות. דער מענש פון מחשבה באַדאַרף אויך קענען זיין דער מענש פון טאַט, און ווען איז דאָס מעגליך, ווען דער רצון איז פאַראַן דערביי. אַ געזעלשאַפטליכער עסקן, אַ מנהיג בישראל באַדאַרף אויך קאָנען זיך אַריינטאָן אין איינצעלהייטען, וועלכע שטעלען צוזאַמען געשעעניש־ען, און נישט בלויז זען דעם אַלגעמיינעם פּראָצעס פון די געשעענישען".

אין דעם קרעדאָ פון הרב מרדכי קירשבלום שפּיגעלט זיך אָפּ זיין פּערזענליכקייט און דורך דעם שפּיגעל זעען מיר אים ביי זיין אַרבעט.

* * *

אין דער רעליגיעז־ציוניסטישער וועלט איז הרב מרדכי קירשבלום באַקאַנט נישט נאָר אַלס מעורר צו ציון, דער וועקער פאַר ציון, נאָר אויך אַלס איש המעשה, אַלס פּראַקטישער טוער, אַלס מענש פון טאַט.

אין זיין אַרבעט אַלס מעורר איז הרב מרדכי קירשבלום אַ געטרייער תלמיד פון די רבנים: הרב קאַלישער און הרב אלקלעי ז״ל, וועמענס שיטה עס איז געווען אַז גאולה פאַר׳ן אידישען פאָלק קען דערגרייכט ווערען נאָר דורך אַ כסדר׳דיגען רופען דאָס פאָלק צו מעשים, מעורר צו זיין אידען — די פזורי ישראל, די צעזייטע און צעשפּרייטע איבער אַלע גלות׳ן ,זיי זאָלען מרבה זיין אין מעשים לטובת בנין הארץ; צו וועקען דאָס אידישע האַרץ פאַר ארץ־ישראל און פאַר איר אויפבוי.

הרב מרדכי קירשבלום פאָרט אַרום איבער צענדליגער און צענדליגער שטעט אין אַמעריקע און ברענגט צו אידען דאָס וואָרט פון שיבת־ציון, טראָגט אומעטום אַריין התעוררות צווישען אידען פאַר מדינת ישראל, ברענגט אַריין שפּאַנונג אין די הערצער און מוחות פון די אידישע מאַסען צו מדינת ישראל, צו אירע פּראָבלעמען, וואָס זענען פאַרבונדען מיט שוץ און אויפבוי.

אויפ׳ן 24טען ציוניסטישען קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין ירושלים אין פרילינג פון יאָר 1956, איז הרב מרדכי קירשבלום אויסגעוויילט געוואָרען אַלס מיטגליד פון דער ציוניסטישער וועלט־עקזעקוטיווע און פירט אָן מיט דער אָפּטיילונג פאַר קולטור און דערציאונג אין גייסט פון תורה (חינוך תורני) און איז אויך דער מיט־פאָרזיצער פון עליה דעפּאַרטמענט אין אַמעריקע.

ווען הרב קירשבלום איז געוואָרן עקזעקוטיוו מיטגליד פון דער אידישער אַגענטור און פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, איז ער נישט געווען קיין פנים חדשות אין ציוניזם. ער איז שוין געווען באַקאַנט איבער דער אידישער וועלט אַלס פירער פון רעליגיעזען ציוניזם. אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער מזרחי איז ער געווען דער איינגסטער אויסגעוויילט צו ווערען צום אַמט פון פּרעזידענט — אַ שטול, וואָס איז באַזעצט געווען פריער פון אַזעלכע גדולי הדור, ווי: הרב מאיר בר־אילן און הרב גאָלד ז״ל.

צו זיין ווערען אַ בן חמישים, בין איך מצרף מיינע ברכות צו די ברכות פון זיינע טויזענטער און טויזענטער פאַרערער אין אַמעריקע, מדינת ישראל און איבער דער פרייער וועלט, און ווינש אים נאָך צענדליגער יאָרען פון אַקטיווער געזעלשאַפטליכער לייסטונג באַגלייט מיט געזונט, גליק און פרייד.

חבר און פריינט

פון מענדל זיגמאַן

הרב מרדכי קירשבלום איז באַרימט אַלס אַ גרויסער אָראַטאָר, אַלס מייסטער פונם וואָרט אין אידיש, העברעאיש און ענגליש, עס זיינען באַוואוסט זיינע גרויסע פאַרדינסטען אַלס איבערגעגעבענער פיאָנער פון מזרחי אין אַמעריקע און טוער פאַר בנין־הארץ ברוח התורה; ער איז באַקאַנט אַלס מנהיג און טאָן־געבער אין דער גאַנצער ציון־באַוועגונג. וואָס איז אָבער ניט אַזוי ברייט באַוואוסט, איז הרב קירשבלום׳ס מידות, זיין איידעלקייט, זיינע מעלות אין באַציאונגען צווישען מענש און מענש. איך האָב געהאַט די געלעגענהייט הרב קירשבלום צו קענען פון ציוניסטישע קאָנגרעסען איידער איך בין געקומען קיין אַמעריקע.

ער איז אַ טיפער בעל־רגש מיט אַן אויג פאַר מענשען, מיט האַרץ פאַר מענשליכע ליידען און מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט צו העלפען אַ אידען אין נויט.

ס׳רוב פירער זיינען אַזוי פאַרנומען מיט זאָרגען פאַרן כלל, אַז עס בלייבט זיי ניט קיין צייט פאַרן יחיד. פונדאַנען די אָפּגעריסענקייט פון די מנהיגים פונם כלל און די עלענדקייט פון אַ יחיד אין נויט. אונזער בעל־היובל פאַרגעסט אָבער קיינמאָל ניט, אַז דער כלל איז ניט מער ווי די סומע פון יחידים און אַז אין בכלל אלא מה שבפרט, און אַז יעדער מענש איז אַן עולם מלא. די דאָזיגע הבנה און זיין מידה פון הטבה און חסד דערהויבען הרב קירשבלום צו אַן אומשעצבאַרע מעלה.

אויך קעגנער באַציען זיך צו אים מיט רעספעקט. וואָרום אַלץ איינס צי איז אימיצער יאָ אָדער ניט מסכים מיט זיינע אַנשויאונגען, מוז יעדער אַנערקענען די אויפריכטיגקייט פון זיינע מיינונגען, די ערלעכקייט פון זיינע איבערצייגונגען, די פעסטקייט פון זיינע פרינציפען.

הרב קירשבלום האָט אַ סך משפיע געווען און איז משפיע. מען הערט זיך צו אויפמערקזאַם צו זיינע רעדעס, וואו ניט בלויז ער רעדט, נאָר ער זאָגט

עפּעס שטענדיג, ברענגט אַן אָריגינעלען תורה־אויסטייטש, אַ פיינעם „דערהער״, אַן אינטערעסאַנטען געדאַנק און ביי דעם אַלעמען ווייכט ער קיינמאָל ניט פונם „פּאָינט״.

אָבער ער קאָן אויך מקבל זיין השפעה. ער איז, אַזוי צו זאָגען, „מוזיקאַליש״ אויף דער סימפּאָניע וואָס הייסט מענש, בפרט פון גרויסע מענשען. ער איז דער תלמיד פון די ראשונים פון מזרחי, הרב מאיר בערלין, הרב הראשי הגרא״י הערצאָג זצ״ל, און יבדל לחיים ארוכים הרב י. ל. הכהן מימון, ווי אויך אַ תלמיד־חבר פון הרב גאָלד ז״ל. ער האָט איינגעזאַפּט ווי אַ שוואָם זייערע השקפות און געגאָסען פיל פון זייערע מידות.

הרב קירשבלום, אַ געבוירענער אין ביאַליסטאָק, אין דער רומרייכער עיר ואם בישראל, וואָס האָט געשפּייזט אַ וועלט מיט מנהיגים און טייערע אידען, אין דער שטאָט פון רבי שמואל מאהליווער זצ״ל, — האָט ער אין זיין עלטערנס הויז, דאָרט, און דאָ אין אַמעריקע, אין באָראָ פּאַרק, וואו זיי האָבען ביידע געשמ׳ט מיט זייער עקשנות פאר אידישקייט און אהבת ישראל, איינ־געאָטעמט ליבשאַפט צו אידען, טריישאַפט צו ארץ ישראל.

אין דער ישיבה „בית יוסף״ אין ביאַליסטאָק, האָט ער געלערנט מוסר און מידות, און דאַן זיך משתלם געווען אין ישיבת רבנו יצחק אלחנן אין ניו יאָרק, ביי אירע גרויסע ראשי ישיבות. ער פאַרמאָגט אהבת־תורה און אהבת בני־תורה. זיין באַציאונג צו יעדען למדן, בן־תורה איז פול מיט רעספּעקט, אפילו ווען עס טיילט אים אָפּ פון יענעמס השקפות און שיטות.

דער בעל היובל איז פון די וואָס האָבען אַרויסגעפירט די אַקטיווע און ארץ ישראל בויענדיגע אָרטאָדאָקסיע אויפן ברייטען שליאך און פאַרשאַפט איר אָנזען און השפעה.

ווען עס איז נויטיג שטאַנדהאַפטיגקייט און טעטיגקייט, האָט דער בעל היובל עס תמיד באַוויזען, ווי צום ביישפּיל, אין זיין אָפענע ווענדונג צו פּרעמיער בן גוריון אין דער פראַגע פון „ווער איז אַ איד״ — וואָס עס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף בן גוריון און אויף דעם גאַנצען ענין. אָבער ער איז ניט גורס קאַמף לשם קאַמף. און תמיד האָט ער דעם אנשטענדיגען טאָן. זיין אויפטרעטען איז נאָבעל, דזשענטעלמעניש, געמעסיגט אין סטיל און פעסט אין פּרינציפּען. ווי רש״י זאָגט אויף וענית ואמרת, בקול רם, טאַקע בקול רם, מיט אַ הויך קול, אָבער ואמרת, באמירה רכה, מיט אַ ווייכע שטימע.

ער איז פון די ווייניגע, וואָס זיינען באַוואוסט און באַליבט ניט בלויז אין אַ באַגרענעצטען קרייז צי אין איין אָרט. פאַרשידענע אידישע ישובים, צי די וואָס ליגען, אזוי צו זאָגען, אויפן וועג קיין ישראל, ווי לאָנדאָן, אַנטווערפּען, בריסעל, צי די וואָס זיינען גאָר ווייט, ווי: דרום־אַמעריקע צי אויסטראַליע, באַמיען זיך שטענדיג צו ברענגען הרב קירשבלום, צו הערען זיין וואָרט. און ווען ער קומט אין אַזאַ אידישען ישוב, ווערט ער אויפגענומען מיט פרייד און פאַרערונג. טויזענטער קומען הערען זיין וואָרט פון אינספּיראַציע און דערוועקונג.

הרב קירשבלום פאַרנעמט גאָר הויכע אַמטען און אידישען לעבען. ער איז ערען־פּרעזידענט פון מזרחי־הפועל־המזרחי, מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור, וויצע־פּרעזידענט פונם ציוניסטישען קאָונסיל, און נאָך. אָבער דערביי איז ער דער פּשוטער באַשיידענער מענש, פריינטלעך, היימיש מיט יעדען. דעריבער פעלט אָפּט דער דיסטאַנץ אָפּצושאַצען זיין גאַנצע פּערזענליכקייט. אָבער זיין נאָענטקייט און היימישקייט איז טאַקע פון אָט די מעלות און מידות, וואָס מאַכען אים פאַר איינעם פון די ווירדיגסטע און באַליבסטע פיגורען פון דעם אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישען אידענטום און פון וועלט־אידענטום בכלל.

המשך

פון ש. איזבאן

די דעבאטע: ווער איז אַ איד? וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער אידישער מדינה און באַלד זיך אַריבערגעטראָגען אין די תפוצות ישראל — די דעבאַטע איז נאָך נישט פאַרענדיגט. און עס איז נאַטירליך, אַז די עמפינדליכסטע באַטייליגטע אין דעם דאָזיגען אידישען וועלט־וויכוח זאָלען זיין די פירער אין דעם רעליגיעזען לאַגער.

אַן אומפאָרזיכטיג וואָרט איז אפשר געפאַלען פון די ליפּען פון אַ אידישען מיניסטער. פון דעם וואָרט איז געוואָרען אַ פלאַקער און די פלוגתא, וואָס האָט אַרויסגערופען צום קאַמף פאָרשטייער פון פאַרשיידענע ריכטונגען, איז נאָך אַלץ אויפ׳ן סדר־היום.

הרב מרדכי קירשבלום, דער אַקטיווער עסקן אין דער מזרחי־באַוועגונג, וועלכער פירט אָן מיט דעם תורה־חינוך און קולטור־דעפּאַרטמענט אין דעם ציון־קאָונסיל, געהערט צו די אָפּאָזיציאָנערען פון דער דעפיניציע, אַז אַ איד איז יעדער איינער, וואָס דערקלערט זיך פאַר אַ איד. ער האַלט, אַז דער באַגריף איד טאָר נישט פאַרפלאַכט ווערן און דער אינהאַלט, וואָס שטעקט אין די דריי אותיות, איז מחייב צו אַ טיפערער אויפקלערונג וועגען מהות פון אידישקייט און די התחייבות׳ן, וואָס זענען פאַרבונדען מיט אידישקייט.

אין אַ שמועס פאַר׳ן „אַמעריקאַנער" האָט הרב קירשבלום פאָרמולירט זיין שטעלונג שאַרף און אַנטשלאָסען. דער סכסוך אַרום דער איד־דעפיניציע האָט געפירט צו צעשפּליטערונג אין דער ישראל־רעגירונג און פאָרמירט אַן אָפּאָזיציע אין רעליגיעזען לאַגער צום ראש־הממשלה — זאָגט הרב קירשבלום — און ס׳איז צום באַדויערען, וואָס פּרעמיער בן גוריון, וואָס פאַרמאָגט שטאָטסמאַנשאַפט און קען אַריבערקוקען איבער פּאַרטייען אין אַן ערנסטער שעה, זאָל דערלאָזען, אַז דער רעליגיעזער לאַגער זאָל געשטויסען ווערען צו

אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג, אָנשטאָט פאַרצווזעצן די געמיינזאַמע אַרבעט מיט דער ישראל־רעגירונג.

הרב קירשבלום׳ען איז אויסגעקומען צו זיין אין ישראל, ווען דער רעגירונגס־קריזיס איז אויסגעבראָכען צוליב דער מחלוקת און די שעדליכע רעזולטאַטען האָבען זיך שוין אָנגעזען. בן גוריונ׳ס היסטאָרישער בליק — טענה׳ט הרב קירשבלום — האָט אים פריער קיינמאָל נישט געלאָזט אַראָפּגיין פונ׳ם אחדות מיט דעם רעליגיעז־נאַציאָנאַלען אידענטום, אָבער ווען עס איז געקומען צו דעם דיספּוט וועגען דער איד־אידענטיפיקאַציע, האָט דער פּרעמיער נישט געקענט איינהאַלטען די אחדות אין רעגירונגס־קאַבינעט. עס איז אָבער צו האָפען, אַז דער ריס אין דער שעה, ווען דער כוח פון אייניגקייט איז נויטיג, וועט — אַזוי ווי ביי פריערדיגע קריזיסען — פאַרצייכענט ווערען ווי אַ פאַרבייגייענדיגער עפּיזאָד.

הרב קירשבלום׳ס באַזוך האַיאָר־זומער אין ישראל איז געווען פאַרבונדען מיט זיין אָנטייל אין די דרינגענדיגע באַראַטונגען פון דער עקזעקוטיווע פון דער אידישער אַגענטור, פון וועלכער ער איז אַ מיטגליד. ריידענדיג וועגען דעם גייסטיגען און קולטורעלען מצב אין דער אידישער מדינה איז ער אין דער זעל־בער צייט צופרידען געווען אונטערצושטרייכען אויף דער רעליגיעזער התעוררות צווישען די ברייטע פאָלקס־שיכטען און אויך צווישען דער יוגענט אין ישראל. די שענסטע באַשטעטיגונג פאַר אַזאַ אויפלעבונג, זאָגט הרב קירשבלום, איז געווען דער תנ״ך־קאָנטעסט, וואָס האָט קלאָר מאַניפעסטירט דעם טיפען בונד פון אידישען פאָלק מיט דעם ספר הספרים. בלויז אין דעם הייליגען לאַנד איז מעגליך געווען אַזאַ פאַראינטערעסירונג אין תנ״ך. ארץ ישראל און תנ״ך זענען אומצושיידבאַר און דער בונד פונ׳ם פאָלק מיט דעם „בוך פון די ביכער״ קען אויך נישט געבראָכען ווערען, באַזונדערס אין די איצטיגע היסטאָרישע טעג. דאָס ווייסען די אידען אין דער מדינה און דורך דער פאָלקס־שמחה מיט׳ן תנ״ך האָט אויך די וועלט אַ קער געטאָן די בליקען צום פאָלק, וואָס האָט דאָס אייביגע בוך געשאַפען פאַר די אומות העולם.

לאַנג איידער הרב קירשבלום איז באַשטעטיגט געוואָרען צו האָבען אונטער זיין השגחה דעם רעליגיעז־קולטורעלן דעפּאַרטמענט אין דער אידישער אַגענטור, איז ער שוין געווען צווישען די אַקטיוויסטע עסקנים אין דער אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישער באַוועגונג. זיין גאַנג אַלס כלל־טוער איז געווען אַרויף, שטאַפּעל איבער שטאַפּעל. ער האָט זיך פרי אָנגעזען מיט זיינע אָרגאַ־

ניזאַטאָרישע פעאיגקייטען און ער איז געווען אינסטרומענטאַל ביים בויען און פאַרפעסטיגען אַ צאָל רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

ער איז געבוירען אין ביאַליסטאָק, פוילען, אין יאָר 1910. דאָרט איז ער דורכגעגאַנגען די חדרים און געלערענט אין דער ישיבה און נאָך דער ישיבה אין אַן אָרטאָדאָקסישן קיבוץ, וואָס דאָס איז געווען אַ לערענהויז פון תורה פאַר וואויללערנערס. קליינערהייט האָט אים געצויגען צום לערנען און צו עסקנות. ווען ער איז אַלט געוואָרען אַכט יאָר, דערמאָנט זיך הרב קירש־בלום, ווי דער ביאַליסטאָקער רב, הרב פּאַיאַנס — וועלכער איז דעמאָלט געווען אַ פּאָפּולערע פיגור אין דער מזרחי־באַוועגונג אין פוילען — האָט אים געגעבען אַ תנ״ך פאַר אַ מתנה. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר זיין התמדה. ווען ער איז אין יאָר 1923 אָפּגעפאָרען קיין אַמעריקע, האָבען עטליכע חשובי העיר פון ביאַליסטאָק, די גבאים פון דער שוהל „משכן יעקב״, אים מכבד געווען מיט אַ זילבערנעם זשעטאָן. און אָט־די אָנערקענונג איז אים געגעבען געוואָרען פאַר זיין עסקנות. ער איז געווען אַ פּאָלנער כלל־טוער שוין אַלס בר־מצווה בחור.

אויב אין ביאַליסטאָק איז ער געווען אַ דעביוטאַנט ביי עפענטליכע אַרויסטריטען, האָט ער נאָכ׳ן אָנקומען קיין אַמעריקע געפונען דאָ אַ ברייט פעלד פאַר זיין עסקנות בצרכי ציבור. זיין טעטיגקייט האָט זיך בעיקר אַרויסגעזען אין די אָרטאָדאָקסיש־ציוניסטישע קרייזען. ער האָט געפונען צייט צו לערנען און צו שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע. שפּעטער, ווען ער איז שוין געוואָרען גאָר אַקטיוו אין „יונג איזראַעל״, האָט הרב קירשבלום אָפּגעשאַצט די גרויסע באַדייטונג פון זיין קערנדיגען, מחיה׳דיגען ביאַליסטאָקער אידיש. ער איז שוין געהאַט דורכגעגאַנגען די ישיבה ר׳ יצחק אלחנן, שוין געהאַט דערוואָרבען פאַר זיך גרויס קענטעניש אין דער ענגלישער שפּראַך. ער האָט אָבער געמאַכט פאַר זיין פּרינציפּ צו רעדען צום עולם אידיש ביי אַלע עפענטליכע אויפטריטען. זינט דעמאָלט איז הרב קירשבלום געוואָרען אַ פּאָפּולערע פיגור ביים רעליגיעז־ציוניסטישען עמוד.

אין פאַרלויף פון איניגע יאָר איז ער געווען דער מנהל פון דער שטאָטישער חינוך־אינסטיטוציע אין סקרענטאָן, פּענסילווייניע. ער האָט דאָרט אויפגעבויט אַן אַקטיווע מזרחי־באַוועגונג. זיין ענערגיע און איבערגעגעבענקייט האָט געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די צוויי אידעאָלאָגען און פירער פון מזרחי, הרב מאיר בערלין (בר־אילן) ז״ל און הרב זאב גאָלד ז״ל, און מען

האָט געזוכט פאַר אים געלעגענהייטן, ער זאָל קענען אויסנוצן זיין ענערגיע און פעאיגקייטן. דער יונגער עסקן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אָראַטאָרישע פעאיגקייטן.

ביי דער 32־טער יערליכער מזרחי־קאָנפערענץ אין 1953, איז ער דערוויילט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פון מזרחי, אַ פּאָזיציע, וואָס איז פריער געהאַלטן געוואָרן פון אַזוינע וועטעראַנען אין דער רעליגיעז־ציוניסטישער באַוועגונג ווי: גדליה בובליק, הרב יעקב לעווינסאָן און לייב געלמאַן. ער איז געוואָרן טעטיק אין אַמעריקאַנער ציוניסטישען ראַט, געוואָרן פאַרבונדען דורך רעליגיעזע דערציאונגס־אינסטיטוציעס, מיט דעם אידישען נאַציאָנאַל פאַרבאַנד און אַנדערע אינסטיטוציעס. און זיין אַרבעט איז באַקאַנט נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין מדינת ישראל. אין כפר שמאַי אין אויבער־גליל, איז פאַרפלאַנצט געוואָרן אַ וואַלד אויף זיין נאָמען „יער־קירשבלום״. הרב קירשבלום איז געפאָרען צו די וויכטיגסטע ציוניסטישע קאָנפערענצען זינט 1937, געבראַנגט די בשורה פון באַפרייאונג ביים סוף מלחמה צו די געפאַנגענע אידען אין די נאַצי־לאַגערען.

הרב קירשבלום ווייזט אָן, אַז די הויפּט־פונקציע פון זיין רעליגיעזען קולטור־דעפּאַרטמענט אין דער אַגענטור איז צו דערנענטערען „די תורה־וועלט צום ציוניזם און דערנענטערען ציוניזם צו דער תורה־וועלט״, און דאָס ווערט דערגרייכט קודם־כל דורך אַזעלכע טראַנסמיסיע־מיטלען ווי: ראַדיאָ, לעקציעס, פּאָפּולערע פאָרטראַגען. אויב מען זאָל וועלען באַצייכענען אונזער אויפגאַבע על רגל אחת — זאָגט הרב קירשבלום — דאַרף מען באַטאָנען וואָס דער טראָפּ איז: און דאָס איז, אַז תורה און ארץ ישראל גייען צוזאַמען.

דער תורה־דעפּאַרטמענט גיט אויך אַרויס פאַרשיידענע פּובליקאַציעס. בקרוב דערשיינט אַ ספר דרוש אויף אַלע סדרות פון דער וואָך. יעדע דרשה אויף יעדער סדרה איז געשריבען פון אַן אַנדער רב. דער צוועק איז, קודם־כל, אונטערצושטרייכען, אַז עס איז כמעט נישטאָ קיין פרשה אין דער תורה, וואָס זאָל נישט זיין דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון ארץ ישראל. לעצטענס זענען אויך דערשינען לערענביכער אויף העברעאיש פאַר טאָג־שולען אין אַ לייכטער פּאָפּולערער שפּראַך. די תלמידים און תלמידות באַקענען זיך מיט די ידיעות הארץ, געאָגראַפיע, טאָפּאָגראַפיע, געשיכטע א. אַז. וו. דער קולטור־דעפּאַרטמענט דערמוטיגט חינוך פאַר קינדער און קולטור — דורך אָווענט־קורסען — פאַר דערוואַקסענע.

הרב קירשבלום האַלט, אַז די רבנות הראשית אין מדינת ישראל איז די העכסטע אויטאָריטעט אַרויסצוגעבען וויכטיגע אַנטשיידונגען, ווען עס קומט צו וויכטיגע ענינים, וואָס רירען אָן די גרונט־געזעצען פון דער תורה. דעריבער איז באַרעכטיגט געווען מיט אַ צייט צוריק די קעגנערשאַפט פון הויפּט־ראַבינאַט צום באַשלוס אריבערצופירען פון דייטשלאַנד אָן אַ קאָנטראָל די ביינער פון די קדושים קיין ישראל.


דאָס אידישע לעבען אין אַמעריקע — האַלט הרב קירשבלום — מאכט דורך פאַרשידענע אומוואַנדלונגען. דאָס וואָס איז היינט נאַטירליך און אויסער דעבאַטע, קען אויסקומען אויסטערליש מיט אַ דור שפּעטער. מען קען זיין אָפּטימיסטיש וועגען אַ צוקונפטיגער עליה פון אַמעריקע קיין ישראל. אַזאַ עליה וועט נישט קומען אונטער קיין דרויסענדיגען דרוק, נאָר פון אינערליכען דראַנג. עס וועט ביי אַמעריקאַנער אידען אויפוואַכען אַ תשוקה צו שלימות, צו אידישער גאַנצקייט אין לעבען, וואָס מען קען נאָר געפינען אין אייגענעם לאַנד, אונטער אַן אייגענעם הימעל און אויף דער אייגענער ערד. דער דראַנג אין דער ריכטונג מערקט זיך שוין איצט, און ער טאָר נישט געשטערט ווערען דורך לייכטער באַציאונג צו די רעליגיעזע פּראָבלעמען אין דער אידישער מדינה.

דער רעליגיעזער לאַגער פאַרמאָגט דעם כוח צו מאָביליזירען דעם ווידערשטאַנד קעגען אַסימילאַציע, וואָס האָט אין געוויסע לענדער אָנגענומען אַן עפּידעמישען כאַראַקטער. אידישקייט מוז געשטאַרקט ווערען אין די תפוצות ישראל. פּולע, איינפלוסרייכע אידישקייט איז דורך אַלע דורות געווען אַ דאַמבע קעגען אויסמישונג מיט פרעמדע פעלקער. אָט־דעם שטאַרקען וואָפען טאָר מען ניט אַרויסלאָזען פון האַנט נאָכדעם, ווי די היטלער־קאַטאַסטראָפע האָט אַזוי טראַגיש פאַרמינערט דאָס אידישע פאָלק.

לויט הרב קירשבלום'ס איבערצייגונג, קומט פאָר אין אַמעריקע אַ ביאָלאָגישע אַסימילאַציע. דעריבער טאָר מען אין ארץ־ישראל נישט פאַרווישען אַזוי לייכט די גרעניץ צווישען איד און נישט־איד. אויב דער באַגריף איד וועט אַזוי לייכט פאַרטייטשט ווערען אין דער אידישער מדינה, וועט דער קאַמף פאַר חיזוק היהדות אין גלות שטאַרק אָפּגעשוואַכט ווערען און דאָ שטעקט די גרויסע נאַציאָנאַלע סכנה.

אַ צאָל פאַראָרדענונגען פון דער ישראל־רעגירונג לעצטנס — זאָגט הרב קירשבלום — זענען געצילט אונטערצומינעווען די אויטאָריטעט פון הלכה און פון טראַדיציאָנעלע מנהגים, וואָס זענען פאַרהייליגט געוואָרען ביים פאָלק דורך

לאַנגע דורות. עס איז, פשוט, אוממעגליך איינצושטימען מיט דעם געדאַנק, אַז גראָד אין דער אידישער מדינה זאָל מען אָננעמען אַזויגערופענע „וועלטליכע געזעצען״, וואָס זייערע וואָרצלען זענען אַ ווידערשפּרוך צום המשך פון דעם רומפולען אידישען עבר. אַזעלכע ענינים ווי: איד־אידענטיפיקאַציע און קבר ישראל זענען פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען אין דער אידישער מסורה. פאַרלעצען דאָס, מיינט לעסטערען אין די כוחות, וואָס האָבען דאָס אידישע פאָלק דורכגעפירט דורך אַלע פייער־נסיונות ביז צום ווידערגעבורט פון דער אידישער מדינה. דעריבער איז דער אויספיר, אַז וואָס גיכער עס וועלען אויסגעפרעסט ווערען די מיספאַרשטענדענישען צווישען רעליגיעזער און וועלטליכער אידישקייט, אַלץ עקשנות׳דיגער און ווירקזאַמער וועט זיין דער ווידערשטאַנד קעגען אַסימילאַציע און די אויפהיטונג פון אַ פולבלוטיקער אידישקייט אין די תפוצות ישראל.



גייסטיקע בירגערשאפט פון יידן אין לאנד פון די אבות

(פון א געשפרעך מיט הרב מרדכי קירשבלום)

פון פנחס שטיינוואקס

הרב מרדכי קירשבלום, פירער פון רעליגיעזן ציוניזם אין אַמעריקע, איז געוואָרן אַ בן־חמישים. דער יאָרצענדליק פון עצה האָט זיך פאַר אים העפלעך פאַרנויגט, האָט אויסגעשפרייט די שוועל מיט אַ ברייטן טעפּיך מקבל פנים זייענדיק דעם בעל־היובל מיט דער באַגריסונג פון: ברוך־הבא!

צו אַזאַ עמפאַנג, זיינען נאָר זוכה יחידי־סגולה, נאָר די, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערן פלייס און לעבנס־דערקענטעניש אין דעם יאָר־צענדליק פון בינה. הרב מרדכי קירבלום איז אין יאָרצענדליק פון בינה הויך געשטיגן אויף דעם לייטער פון יידישער פירערשאַפט אין אַמעריקע. ער געהערט צו די פירער פון וועלט־ציוניזם, ער איז איינער פון די גייסטיקע פירער פון רעליגיעזן ציוניזם און ער באַקליידט אַנפירנדע אַמטן אין דער הויפּטלייטונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע.

הרב מרדכי קירשבלום׳ס רעליגיעז־גייסטיקע און פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכע ווירקונג אין דעם יידישן און ציוניסטישן לעבן אין אַמעריקע, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג איבער דער ברייטער יידישער וועלט און גאַנץ באַזונדערס אין מדינת־ישראל.

הרב מרדכי קירשבלום געהער צום דור פון טרוימער און קעמפער, וועלכע האָבן פאַרשריבן רומפולע בלעטער אין דער ציוניסטישער געשיכטע אַלס מאָנער און וועקער פאַר יידישער גאולה.

מיר האָבן געהאַט אַ געשפרעך מיטן בעל־היובל וועגן ענינים, וואָס שטייען אויפן סדר־היום פון יידישן לעבן אין אַמעריקע, וועגן

25־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, וועגן רעליגיעזן ציוניזם און וועגן מדינת ישראל. הרב מרדכי קירשבלום איז אַ פּאַרנומענער מענטש; זיינע לויפנדע אַרבעטן אין דער יידישער אַגענטור אַלס פירער פון תורה־קולטור דעפּאַר־טאַמענט און אַלס קאָ־פּאַרזיצער פון עליה־דעפּאַרטאַמענט האַלטען אים זייער באַשעפטיקט. חוץ דעם קומען צו אים אין ביוראָ זייער פיל אינטערעסאַנטן: רבנים און סתם גוטע יידן; פּאַרטיי־טוער, פּאַרטיי־פירער און עסקנים; דער נאָך אַן עצה און דער נאָך אַ טובה. אין ספרים־שראַנק און אויפן שרייב־טיש אין ביוראָ פון הרב מרדכי קירשבלום ליגן ספרים און וועלטלעכע ביכער. אָט איז אַ מסכת ברכות מיט ניקוד, וואָס ער האָט באַקומען פון ירושלים; אָט איז אַ תנ״ך, פיין געבונדן — אַ מתנה פון מיניסטער משה שאַפּיראָ און אָט איז אַ טעקע מיט קאָרעספּאָנדענץ, מיט פּאַפּירן, מיט דאָקומענטן. הרב מרדכי קירש־בלום׳ס ביוראָ איז אָנגעפּילט מיט תורה און עבודה.

איך האָב געפרעגט דעם חשוב׳ן בעל־יובל, הרב מרדכי קירשבלום, וועגן דער ראָל פון רעליגיעזן ציוניזם אין דעם יידישן לעבן. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט, אַז דער רעליגיעזער ציוניזם האָט תמיד פאַרבונדן זיין גורל מיט דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג; אַז דער רעליגיעזער ציוניזם, די ציוניסטישע באַוועגונג איבער דער יידישער וועלט וועט מיטן וואוקס און גלאַנץ פון דער יידישער מדינה דערהויבן ווערן. לײדער אָבער מערקן זיך טענדענצן פון וויכטיקע פערזענלעכקייטן אין ירושלים שווערער צו מאַכן דעם וועג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז דאָך דער נאַטירלעכער בריק צווישן די תפוצות און דער יידישער מדינה. ווי די לאַגע זעט אויס היינט־צו־טאָג פאָדערט זיך, אַז דער רעליגיעזער ציוניזם זאָל נאָך מער פאַרשטאַרקן זיינע פּאָזיציעס, וואָס זיינען געבויט אויף יסודות פון תורה וציון, אויב די טאָלעראַנץ פון דער אידישער הלכה לערנט אונדז, אַז: „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא״, איז זיכער אַ ציוניסט אויך איינער, וועלכער האָט צוליב די אָדער אַן אַנדער סיבה נאָך נישט באַוויזן מקיים צו זיין אַלע מצוות פון ציוניזם, אַריינ־רעכענענדיק די יסוד־מצוה פון עליה. מיר האָבן — האָט הרב קירשבלום מיר געזאָגט — דעם כלל פון: „אחד שנולד בה ואחד המצפה לראותה״ און זיינען ניט קיין: „תלויים בדעת אחרים״. דער רעליגיעזער ציוניזם, גייענדיק צוזאַמען מיט אַלע ריכטונגען אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג האָט געפונען זיין אייגענעם וועג און דאָס איז דער וועג פון אויפהויבן און טראָגן הויך די פאָן פון תורה וציון אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון יידישן געראַנגל צו געפינען אַ לייזונג פאַר די פּראָבלעמען פון יידישער זעלבסטשטענדיקייט, שלימות

היהדות און אחדות האומה. די באַדייטונג פון אחדות האומה מיינט: די גייסטיקע בירגערשאַפט פון יעדן יידן אין לאַנד פון די אבות. אַ ייד מוז ניט דווקא צאָלן קיין שטייערן אין ישראל — האָט מיר הרב קירשבלום דערקלערט — בכדי צו האָבן דאָס רעכט פון באַווירקן אידעאיש און גייסטיק דעם ישוב אין ישראל. עס איז געגוג, אַז ער צאָלט שטייערן פאַר ישראל. דער וועג צו פולער גאולה פון יידישן פאָלק פירט דורך אחדות האומה, דורך יידישער אייניקייט. ניטאָ קיין אַנדער וועג און די אייניקייט איז אויך נויטיק אין מדינת־ישראל, וואָס איז די אתחלתא דגאולה, בלויז דער אָנהויב פון אונדזער דערלייזונג. מחלוקת׳ן אין ארץ־ישראל שטאַרקן די העגט פון די שונאים און שוואַכן אָפּ דעם ישוב. ניט אומזיסט האָט דער פייטן געשריבן: „עשה לך בציון שם נוראות כי אז תצליחנה״ — אויף מאַמע־לשון איז דער טייטש פון פסוק: „מאַך דיך אין ציון אַ נאָמען פון אַ שטאַרקן, אַז מען זאָל זיך פאַר דיר שרעקן, דאַן וועסטו מצליח זיין״. שטאַרקייט, באַדייט: אייניקייט און אייניקייט איז דער וועג אויף וועלכן עס טרעטן משיח׳ס טריט, וואָס דאַרף אונדז פירן צו ענדגילטיקער גאולה.

כ׳האָב געפרעגט ביי הרב קירשבלום, וואָס ער דערוואַרט פון דעם 25־טן ציוניסטישען קאָנגרעס און וועלכע פּראָבלעמען באַראַדף ער לייזן לויט זיין מיינונג? אויף דעם האָב איך באַקומען פאָלגענדע תשובה:

דער 25־טער ציוניסטישער קאָנגרעס דאַרף זיין — לויט דער מיינונג פון הרב מרדכי קירשבלום — אַ קאָנגרעס פון ציוניסטישער אָפּענסיווע. ער דאַרף רעדן אין טענער פון באַנייטן גלויבן אין דער צוקונפט פון ציוניזם אַלס די בריק צווישן עם־ישראל און מדינת־ישראל. דער 25־טער ציון־קאָנגרעס דאַרף באַווייזן, אַז זיין מאַנדאַט קומט פון יידישן פאָלק. דער 25־טער ציון־קאָנגרעס דאַרף באַשטעטיקן, אַז ציוניזם שעפּט זיין כוח פון דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט צו קאָנצענטרירן יידיש לעבן אויף דער וועלט אַרום ארץ־ישראל, וואָס נאָר דער ציוניזם קען עס באַווייזן צו טאָן. דאָס איז די איבערצייגונג פון יעדן דורכשניטלעכן יידן, פון דעם נאַטירלעכן ציוניסט. דער 25־טער ציוניסטישער קאָנגרעס באַדאַרף זאָגן דער יידישער וועלט אין קלאָרע און אין שטאַרקע ווערטער: „לא אמות כי אחיה!״

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף די ליפּן פון הרב מרדכי קירשבלום, ווען איך האָב אים אַ פרעג געטאָן: נו! און וואָס איז מכוח דעם אונטערשייד צווישן ציוניסטן און נישט־ציוניסטן, ווען אויך ציוניסטן בלייבן אין אַמעריקע און זיינען נישט עולה קיין ישראל, אַן ענין וואָס האָט אַרויסגערופן שווערע

געפילן ביים פרעמיער־מיניסטער פון דער יידישער מדינה און איז געוואָרן דער יסוד פון זיין ויכוח מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג?

ביי מיר — האָט הרב קירשבלום געענטפערט — איז די זאַך זייער פשוט און קלאָר. דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס אַ ניט־ציוניסט, בלויז אַ פריינט פון ישראל, טוט אַ טובה אין זיין העלפן דער יידישער מדינה; אַ ציוניסט, אָבער, דערפילט אַ פליכט. דער ערשטער איז אַן „אינו מצווה ועושה"; דער צווייטער איז אַ „מושבע ועומד מהר סיני". די שוואַכקייט פון בלויז אַ פריינט פון ישראל באַשטייט אין דעם, וואָס צו יעדן מאָמענט קען ער בייטן זיין שטעלונג און זיך פאַר'ברוגז'ן; דער ציוניסט אָבער דינט ישראל מתוך פליכט, אָן קיינע שום באַדינגונגען און אויך אונטער אַלע באַדינגונגען. דער ציוניסט האָט פרייוויליק גענומען אויף זיך נאָך אַן עיקר אין זיין לעבן, אַן עיקר וואָס איז געוואָרן זיין אַני מאמין, זיין גלויבן, זיין פילאָזאָפישע לעבנס־אַנשויאונג. ווען האָבן עס יידן ניט געטראָגן אין האַרצן דעם שיבת־ציון. קיין כוח אין דער וועלט וועט ניט באַוויזן דעם ציוניזם אַרויסצורייסן פון באַדייטנדע טיילן פון יידישן פאָלק.

שמועסנדיק וועגן יידיש לעבן אין אַמעריקע און יידיש לעבן איבער דער וועלט, האָט מיר הרב מרדכי קירשבלום צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט מען זיך איבערצייגט, אַז אויך אויפן אַמעריקאַנער באָדן קען יהדות וואַקסן און זיך באַפעסטיקן און אָט די איבערצייגונג באַשאַפט טאָג־טעגלעך נייע און גלאָררייכע רעאַליטעטן פאַר יידישקייט. וואָס שייך אָבער דאָס וועלט־יידנטום, איז שוין גאָר אַן אַנדער פּראָבלעם. דער רוב פון יידישע ישובים איבער דער וועלט איז ליידער פאַראָרעמט געוואָרן אין כוחות, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון דער שווערער היטלער־קאַטאַסטראָפע. אין איינע פון די אייראָפּעאישע קהילות האָט אים אַ ייד געזאָגט, אַז ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז די איינציקע ליזונג פון זיין אייגענעם פאַמיליען־פּראָבלעם, די איינציקע פאַרזיכערונג, אַז זיינע קינדער וועלן פאַרבלייבן יידן, איז: צו שיקן זיינע קינדער קיין ארץ־ישראל. דער ייד האָט אים געזאָגט, אַז ער זעט די איינציקע רעטונג פון די יידישע ישובים איבער דער וועלט אין דער טראַנספּאָרטאַציע פון זייערע קינדער קיין ישראל און שפּעטער אַליין זיי נאָכצופאָלגן. אמת — האָט אים דער ייד געזאָגט — אַז דורך אַוועקשיקן זיינע קינדער וועט ווערן אומעטיקלעך ביי אים אין הויז, אָבער ער נעמט ליבערשט אָן אַ צייטווייליקן אומעט ביי אים אין הויז און אַ שמחת־תורה אין האַרצן ווי חלילה פאַרקערט. אָט דאָס איז דער מצב פון יידישן

גייסטיקן קיום איבער דער ברייטער וועלט און שטימונגען ביי יידן, כאָטש דאָ און דאָרט באַווייזן זיך פון צייט־צו־צייט סימנים פון נאַציאָנאַלער דער־וואַכונג.

הרב מרדכי קירשבלום איז אויך דער פּאָרזיצער פון מחלקת החרדים פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד אין אַמעריקע, וואָס געהער צו איינע פון זיינע ליבלינגס־אַרבעטן. אין יאָר 1938, בעת ער האָט באַזוכט מנחם מענדל אוסישקין ז"ל אין ירושלים, האָט ער אָנגענומען די איינלאַדונג אויף צו גרינדן אין אַמעריקע די רעליגיעזע אָפּטיילונג פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד און איז געווען דער פּאָרזיצער פאַר די ערשטע צען יאָר. נאָך אַן איבעררייס פון צען יאָר האָט הרב מרדכי קירשבלום ווידער אָנגענומען די איינלאַדונג צו שטיין אין שפּיץ פון דער אָפּטיילונג און איז ווידער דערוויילט געוואָרן אַלס פּאָרזיצער. הרב קירשבלום האָט מיר דערקלערט, אַז אין משך פון דער עקזיסטענץ פון דער רעליגיעזער אָפּטיילונג פון קרן־קימת אין אַמעריקע זיינען געזאַמלט געוואָרן מיליאָנען דאָלאַרן צווישן רעליגיעזע אידן, רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס — פאַר גאולת־הארץ. הרב מרדכי קירשבלום רעדט וועגן מחלקת החרדים, וועגן איר טעטיקייט, מיט גרויס באַגייסטערונג און ליבשאַפט. מיר זיינען געווען די ערשטע — האָט ער מיר געזאָגט — צו איניציאירן אַ פּראָיעקט פאַר גאולת סביבות ירושלים. אויסלייזנדיק די היסטאָרישע שטרעקעס פון די הרי־חברון, האָט מזרחי־הפועל־המזרחי אויפגעשטעלט דעם באַרימטן גוש עציון, וועלכער איז ליידער אין די טעג פון מלחמת־השחרור פאַרניכטעט געוואָרן. מחלקת החרדים האָט געפּלאַנצט צענדליקער וועלדער אין ישראל, האָט געלייגט דעם באָדן־יסוד פאַר אַ גרויסער צאָל רעליגיעזע קיבוצים, מושבים און אַנדערע אינסטיטוציעס, צווישן זיי דער באַרימטער בר־אילן אוניווערסיטעט.

רעדנדיק וועגן קרן קימת לישראל און גאַנץ באַזונדערס וועגן דער מחלקת החרדים — האָט מיר הרב קירשבלום דערציילט איינע פון הלל הזקן'ס משלים: הלל הזקן האָט אַמאָל געגעבן זיינע תלמידים צו לייזן אַן אַריפמעטישע אויפגאַבע. ער האָט ביי זיי געפרעגט: ווען איינער, למשל, האָט טויזנט דינרים און גיט אַוועק פון זיי דריי הונדערט אויף צדקה, — וויפיל־זשע בלייבט אים? די תלמידים האָבן גלייך געענטפערט, אַז זיבן הונדערט, אָבער הלל הזקן האָט די תשובה ניט אָנגענומען און ער האָט צו זיי געזאָגט: ניין קינדער! איר האָט ניט געטראָפן. וואָרום אין פסוק שטייט געשריבן: „וצדקתו עומדת לעד". אין יידיש איז דער טייטש פון פסוק, אַז אַ דבר־צדק פאַרבלייבט אויף אייביק, עס בלייבט אין קאַפּיטאַל און ווערט נישט באַטראַכט אַלס אויסגעגעבן.

משמע, אַז ביים מענטשן וואָס האָט אויסגעגעבן דריי הונדערט פון זיינע טויזנט, זיינען פאַרבליבן גאַנצע טויזנט, וואָרום ער האָט עס געגעבן אויף אַ דבר־צדק און דערפאַר ווערט עס פאַררעכנט אין קאַפּיטאַל.

הרב מרדכי קירשבלום האָט צום שלוס פון אונדזער געשפּרעך צו־געגעבן צו הלל הזקן׳ס משל, אַז ווען אַמעריקאַנער יידן וואָלטן געמאַכט הלל הזקן׳ס חשבון, וואָלט ניט נאָר די רעגירונג פון ישראל ניט קיין דאגות געהאַט ווי אַזוי מען נעמט אויף און וואו נעמט מען מיטלען אויף איינצואָרדענען די ניי־געקומענע און זיי אַריינברענגען אַלס אַן אַקטיוון עלעמענט אין דעם עקאָנאָ־מישן לעבן פון לאַנד, נאָר מדינת־ישראל וואָלט שוין לאַנג געווען עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק. די ערד פון ישראל, וואָס איז אין משך פון יאָרהונדערטער געליגן צעשטערט, וואָלט צוריק באַגרינט געוואָרן. די בערג און די זאַמדן וואָלטן שוין לאַנג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פול־בליענדע גערטנער פון יידישן היימלאַנד.

שליחים פון פאלק

פון הרב מרדכי קירשבלום

מיר די „שליחי" עמך בית־ישׂראל" פון דער גאַנצער יידישער פאַרשפּרייטונג, אַזוי גוט ווי די פאָרשטייער פון דער סאַמע האַרץ פון יידישן פאָלק — מדינת־ישראל — זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו דעם 25־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, כדי אָנצונעמען אַ היסטאָרישן באַשלוס. דער באַשלוס איז ניט, ווי אַנדערע דענקען אפשר: „צו זיין אָדער ניט צו זיין"; ווער עס טראַכט אין אַזעלכע טערמינען, פעלשט, לויט מיין מיינונג, זיין ציוניסטישע שליחות און זינדיקט קעגן זיין ציוניסטישן באַוואוסטזיין. יעדער ספק, יעדן שאָטן פון צווייפל אין דער נויטווענדיקייט פון אונדזער קיום און אין רעכט פון אונדזער זיין, איז אַ מחשבה־זרה, וואָס טאָר ניט דער־לאָזן ווערן. און געוויס טאָר זי ניט קומען צום אויסדרוק פון דער קאָנגרעס־טריבונע.

אַזוי אַרום איז אונדזער באַשלוס, אייגנטלעך, אַ פון פאָרויס־באַשטימטער: צו זיין, ווייטער פאָרצוזעצן און ווידער טראָגן די אחריות פון אויפהאַלטן מדינת־ישראל אין צענטער פון יידישע געפילן און יידישן דענקען — וואו יידן זאָלן זיך ניט געפינען — און צו דינען עפעקטיוו אַלס די זיכערע און פאַרלעסלעכע בריק צווישן פאָלק ישראל און מדינת־ישראל, פונקט ווי מיר האָבן פאַר צענדליקער יאָרן געשטאַרקט די בענקשאַפט און דערנענטערט און קאָנקרעטיזירט די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ יידישע מדינה.

די פּראָבלעם וואָס דאַרף אונדז באַשעפטיקן און דער באַשלוס וועלכן מיר ווערן גערופן אָנצונעמען ביי דעם קאָנגרעס, איז, וואָס פאַר אַ סאָרט ציוניסטישע באַוועגונג ווילן מיר און וועלן מיר זיין פון היינט אָן און ווייטער. וועלן מיר פאָרזעצן אונדזער קיום און שפּילן אונדזער צוקונפט אַלס באַוועגונג, וואָס ווערט טאָלערירט בלויז צוליב איר פאַרגאַנגענהייט און וועלכע באַווייזט לעבהאַפטיקייט בלויז אַלס רעזיסטאַנץ צו די וועלכע ווילן איר ליקווידירן; אַ באַשעפעניש וואָס שעפּט איר לעבנס־קראַפט פון איר היסטאָ־

רישער עקשנות, אין דער בחינה פון „וכאשר יענו אותו — **כן ירבה וכן יפרוץ**”, — אָדער וועלן מיר ביי דעם קאָנגרעס געבן פולן אויסדרוק צו אונדזער טיפן גלויבן אין דעם אימפעראַטיוו פון המשך, אין דעם צו החיים, און אויסשרייען ממעמקים דעם אוראַלטן „לא אמות — כי אחיה!” ווייל ס'ליגט נאָך אויף אונדז אַ גרויסע און ג־טלעכע מיסיע צו דערפירן דאָס יידיש פאָלק צו דער גאולה שלמה, ווען דאָס גאַנצע פאָלק און די גאַנצע הייליקע לאַנד וועלן ווערן אַ געאָגראַפישע און היסטאָרישע אידענטיטעט אויפן באַזיס פון ג־ט און תורה.

צו דערגרייכן אונדזער ציל דאַרף און מוז דער 25־טער קאָנגרעס אונדזער'ער זיין אַ קאָנגרעס פון ציוניסטישער תקיפות און אָפענסיווע. ער דאַרף רעדן אין קלאָרע טענער פון באַגייסטן גלויבן אין דער צוקונפט פון ציוניזם אַלס די בריק צווישן פאָלק ישראל און מדינת־ישראל. דער ציוניס־טישער קאָנגרעס וואָס האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט מארבע פינות העולם, מוז קאָנקרעט באַווייזן, אַז דער מאַנדאַט פון ציוניזם שטאַמט ניט פון גוטן ווילן פון איין פערזאָן אָדער אַ צווייטן, פונקט ווי ער איז ניט גרייט זיך צו ליקווידירן צוליב די קאַפּריזן פון יחידים, מעגן זיי זיין די חשוב'סטע, די גרעסטע, די פאַרדינסטפולסטע. דער קאָנגרעס דאַרף באַשטעטיקן, מיט ווירדע און שטאַרקייט, אַז ציוניזם שעפּט זיין כוח פון דער היסטאָרישער נויט־ווענדיקייט צו קאָנצענטרירן יידישן לעבן אויף ארץ־ישראל, וואָס בלויז דער ציוניזם וועט באַווייזן עס צו טאָן.

דאָס איז די איבערצייגונג פון דורכשניטלעכן יידן אויף דער גאַס; דאָס איז דער נאַטירלעכער געפיל פון טאָג־טעגלעכן ציוניסט, און דאָס מוז ווערן דער שלאָג־וואָרט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג און אירע אויסדערוויילטע פירערס, ניט אַפּאָלאָגיע, ניט דעפענסיווע, ניט פאַר־ענטפערונג, ניט קיין אינערלעכע ספקות, ניט פילאָזאָפישע ספעקולאַציעס וועגן אונדזער רעכט צו עקזיסטירן וועלן אונדז ווען עס איז אַרויסנעמען פון אונדזער איצטיקן „מן המצר”. בלויז אַ רוף צו דער יידישער וועלט, דור־כ־געדרונגען מיט גלויבן אין אונדזער פונקציע און חשיבות וועט אונדז צוריק־ברענגען צו דער צענטראַלער פּרעסטיזש־פּאָזיציע אין יידישן לעבן, וואָס מיר האָבן פאַרנומען פאַר זעקס צענדליק יאָר.

גלויבט מיר: מיר איז ניט אומבאַקאַנט די 13־יאָריקע קשיא, די אומגליקלעכע קשיא וועלכע באַשעפטיקט גאָר וויכטיקע מוחות אין מדינת־

ישראל זייט דעם גליקלעכן טאָג פון דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה, נעמלעך: וואָס איז דער אונטערשייד צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן אין דער איצטיקער עפּאָכע, ווען אויך ניט־ציוניסטן זיינען דורך דער מאַגיק פון דער מדינה אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פאַר ישראל, און ניט אין אַ קליינער מאָס? וואָס איז דער חילוק צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, פרעגט מען אונדז ווייטער, ווען אויך ציוניסטן בלייבן אין אַמעריקע און אין אַנדערע גלות־לענדער, — אַן ענין וואָס האָט אַרויס־גערופן דעם גרימצאָרן פון חשוב׳ן ראש־הממשלה, מר. דוד בן־גוריון, און וואָס דינט ווי אַ יסוד פאַר זיין אַזוי־גערופענער אַנטי־ציוניסטישער שטעלונג?

אויף אָט־די פראַגן איז דער קאָנגרעס מחוייב אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג מיט פולשטענדיקער קלאָרקייט און ניט דערלויבן קיינעם ווייטער צו קאָמפּליצירן די לאַגע. פאַר מיר, איינער פון די דעלעגאַטן, וויל איך זאָגן אָט־וואָס: געבענטשט זאָל זיין יעדע האַנט וואָס העלפט מדינת־ישראל, אָן אונטערשייד וועמענס האַנט דאָס איז. דער צופלוס פון כוחות און סימפּאַטיקערס פאַר ישראל אין דער מאָס ווי ס׳איז שוין דערגרייכט געוואָרן, איז פון הערצל׳ס טאָג אָן געווען די שטרעבונג און די האָפענונג פון ציוניסטן און ציוניזם. כל־זמן שיבת־ציון, אויף אַ נאַציאָנאַל־סואווערענעם אופן, איז געווען בלויז אַ חלום, איז אַזאַ כיבוש הלבבות געווען אַ כמעט־אוממעגלעכע דערגרייכונג. אַ דאַנק ג־ט וואָס דער פייער פון אונדזער גלויבן, דער „עוד לא אבדה תקותנו" פון די לעצטע זעכציק יאָר, און 18 הונדערט יאָר פון ציון־בענקעניש פאַר דעם, האָבן אונדז ענדלעך געבראַכט די ג־טלעכע מתנה פון אַ יידישער מדינה און דורך דעם געבראַכן דעם אומגלויבן און די גלייכ־גילטיקייט פון די אַזוי־גערופענע „רעאַליסטן" אין יידישן לעבן. דאָס, אָבער, טאָר אונדז נאָך ניט בלינד־מאַכן צו דעם פאַקט, אַז ליידער עקזיסטירט נאָך אַ טיפער אונטערשייד צווישן ציוניסטן און ניט־ציוניסטן, — און לאָמיר זיך ניט שעמען און ניט מורא האָבן עס צו זאָגן: אַ ניט־ציוניסט, אַ פריינט פון ישראל, טוט אַ טובה אין העלפן דער יידישער מדינה; אַ ציוניסט דערפילט אַ הייליקע און אומפאַרמיידלעכע פליכט. דער ישראל־פריינט איז אַ „אינו מצווה ועושה", וועלכער קען יעדן מאָמענט זיך פאַר׳ברוגז׳ן און בייטן זיין שטעלונג. דער ציוניסט, אָבער, איז אַ „מושבע ועומד", אַ גע־שוואוירענער און מאָביליזירטער סאָלדאַט, וועלכער זעצט פאַר זיין קאַמף ניט קוקנדיק אויף קשיות און מאָמענטאַרע אומצופרידנהייטן. וואָס מאַטערן אים. ער דינט מדינת־ישראל אונטער אַלע באַדינגונגען און אָן שום באַדינגונגען.

עס איז ליידער ניט אמת, אַז יידן אין גלות זיינען איצט מער פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל ווי מיט 15־20 יאָר צוריק. אין אויסערלעכע מאַניפעסטאַציעס איז די השערה אפשר אַ ריכטיקע: יידן גיבן מער געלט און באַווייזן זיך אין גרעסערע צאָלן ביי פונקציעס לטובת ישראל. דאָס, חזר איך איבער, איז צו באַגריסן אונטער אַלע אומשטענדן און דערמוטיקן אויך אין דער צוקונפט. דער וועלכער קוקט אָבער אַביסל טיפער און גריבלט זיך אַביסל גרינטלעכער, וועט שנעל קומען צום באַשלוס, אַז קיינמאָל זיינען נאָך אַמעריקאַנער יידן, למשל, ניט געווען אַזוי אָריענטירט אויף אַמעריקע, ווי אין דער איצטיקער צייט — מיט זייער גאַנצער און באמת וואונדערלעכער ביישטייערונג צום אויפבוי פון ארץ־ישראל, סיי דורך פילאַנטראָפּישע און דורך אינוועסטיציע־דאָלאַרן. אורזאַכן דערפאַר זיינען דאָ גאָר אַ סך, אָבער ניט איצט איז די צייט פאַר אַזאַ סאָציאָלאָגישן און פּסיכאָלאָגישן שטודיום. גענוג צו באַטאָנען דעם פאַקט, אַז אָן אַן אָרגאַניזירטער און אַקטיווער מחנה פון געשוואוירענע ציוניסטן, וועלכע דערמאָנען יידן השכם והערב אין צענטראַליטעט פון ארץ־ישראל אין יידישן דענקען און לעבן — וועט די געלט־בריק צווישן אַמערי־קאַנער יידן און מדינת־ישראל אפשר בלייבן צייטווייליק שטאַרק, אָבער די נשמה־פאַרבינדונג צווישן די צוויי אָרגאַנישע טיילן פון אונדזער פאָלק וועט בהדרגה׳דיק ווערן שוואַכער און מיט דער צייט, ווי געווייגלעך, וועלן אויך די געלט־באַציאונגען אָפּגעשוואַכט ווערן.

האָבן שוין חז״ל פון לאַנג געזאָגט, אַז דאָס בייטל און די האַרץ האָבן אַ נאַטירלעכע פאַרבינדונג; איינס באַאיינפלוסט דאָס צווייטע, און דאָרט וואו די האַרץ האָט אַ בלויז פילאַנטראָפּישן צוגאַנג און פילט ניט, אַז בעצם גיט דער נדבן פאַר זיך, מוז זיין באַציאונג און זיין אַרט געבן דורכגיין אַ ראַדיקאַלן שינוי. אָפּשוואַכן ציוניזם מיינט דערפאַר פאַרשטאָפּן דעם קוואַל פון וועלכן יידן, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, ציען זייער יניקה פאַר באַדייטונגספולן קיום וואו זיי געפינען זיך און צו ווידמען זייערע בעסטע און צענטראַלסטע כוחות אין פאַרבינדונג מיט ארץ־ישראל. מזלזל זיין אין ציוניזם איז ניט בלויז אַ היסטאָרישער אומרעכט און אַ מאָראַלישער פעלער, נאָר אויך אַ פּאָליטישע קורצזיכטיקייט, וואָס קען סיי מדינת־ישראל און סיי דעם גלות קאָסטן גאָר טייער.

פוסט און אונרעאַל זיינען אויך די חלומות פון שאַפן אַ ברייטערע און מער אינקלוזיווע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע אַרום ארץ ישראל, אַלס

ערזאַץ פאַרן ציוניזם, וועלכער דאַרף פאַרשווינדן. דער וועלכער האַלט אַ וואַכזאַם אויג אויף די לעצטע אַנטוויקלונגען פון יידישן לעבן אין אַמעריקע און באַמערקט די פאַרשטאַרקטע פאַרזיכטיקייט אָפּצוהיטן די לעגאַל־קאָרעקטע באַציאונגען צווישען יידישער פילאַנטראָפּיע און מדינת־ישראל; דער וועלכער זעט דעם טאָג־טעגלעכן איבערגאַנג פון בודזשעט־איניציאַטיווע צו לאָקאַלע קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען ביז איצט בלויז געווען די ג״ט־געבענטשטע בעלי־מאה, אָבער ניט די געקרוינטע בעלי־דעה, — דער ווערט אַנגערעגט צו פרעגן די מחברים פון דער נייער פאַנטאַזיע, אין די ווערטער פון נעמי צו רות: „וגם ילדתי... הלהן תשברנה... הלהן תעגנה״... אויב אַפילו אַזאַ וועלט־אָרגאַניזאַציע זאָל נאָך לאַנגע און שווערע חבלי־לידה געבוירן ווערן, — איז דאָס די האָפענונג פאַר וועלכער עס איז כדאי צו ברענגען די עקזיסטירענדיקע, נאָך אַלץ־גרעסטע און רעפּרעזענטאַטיווסטע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועמענס שורש נשמה איז היסטאָריש פאַרבונדן מיט ציון און ישראל — די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע?

ניין! און הונדערט מאָל ניין! לא זה הדרך! דאָס טאָר קיינמאָל ניט פּאַסירן. און ווען מען וואַרפט אונדז כסדר אויף די חרפה און די עוולה פון אונדזער בלייבן אין גלות און מען באַנוצט עס אַלס דיסקוואַליפיקאַציע פון אונדזער ציוניזם, דאַרפן מיר אויך ניט בלייבן שטיל, נאָר פאַרקערט — אַרויסזאָגן דעם אמת ווי מיר פילן אים. און דער טיפער אמת איז, אַז עליה מוז ווערן און קען ווערן אַ צענטראַלע אויב ניט די צענטראַלסטע פונקציע פון ציוניזם. עליה פון די מערב־לענדער וועט אָבער ניט ווערן אַזאַ הויפּט־פאַקטאָר אין אונדזערע ציוניסטישן לעבן כל־זמן דאָס בלייבט אַן ענין פון אידעאָלאָגישע וויכוחים און אַ מעטאָדע פון מזלזל זיין אין אונדזער כבוד. אָט־דער וועג וועט דעם ציוניזם שוואַכער מאַכן און די עליה וועט פון דעם קיינמאָל ניט געוועזן ווערן. ווי מיין פריינט לואיס סיגאל און איך קענען עדות זאָגן אויפן באַזיס פון דערפאַרונג, קען עליה פון אַמעריקע געבויט ווערן דורך צוויי נויטיקע מעטאָדן. ערשטנס, דורך שאַפן אַ רעאַליסטיש־צוגעפּאַסטן ראַציאָנאַל פאַר יידן, וועלכע זיינען מיט רעכט עמאַציאָנעל צוגעבונדן צו זייער אַדאָפּטירטער אָדער פאַקטישער היימלאַנד אַלס לאַנד פון גלייכהייט, פרייהייט און דעמאָקראַטיע. ניט דורך סטראַשונקעס פון וועוענטועלע פּאָגראָמען, חס ושלום, און ניט דורך עוואַקואַציע־פּלענער וועלן מיר דערגרייכן אונדזער ציל. בלויז דורך אַן אַרויסרוף צום דוקא־אַמעריקאַנישן גייסט פון פּיאָנערטום און דורך אַ פאַרשטאַרקטן רוף צום צוריקקער צום גייסט פון די אבות —

דער אור־אַלטער רוף פון „שוב אל ארץ אבותיך ואהיה עמך" — און דער־וואכטער דראַנג צו שלמות הנפש — קען שאַפן אַ פיל פאַרגרעסערטע עליה. אַנדערע מעטאָדען, וואָס האָבען זיך פיל בעסער געפּאַסט פאַר דער אַנטיסעמי־טישער פוילן ווי פאַר דער דעמאָקראַטישער אַמעריקע, וועלן האָבן אַ פאַרקערטע ווירקונג. דאָס איז די רעאַליטעט און דאָס דאַרפן מיר האָבן דעם מוט צוצוגעבן.

אַ צווייטער נויטיקער באַדינג פאַר אַ פאַרגרעסערטער עליה פון מערב־לענדער — און כ׳לאָז איבער פּרטים פאַר חבר סיגאַל — איז צו שאַפן באַזונדערע און ספּעציעלע קליטה־באַדינגונגען פאַר אַמעריקאַנער עולים. איך בין דער לעצטער ניט צו אַנערקענען, אַז „כל ישראל בני מלכים הם", אַז אַלע יידן זיינען גלייכע מיוחסים. אָבער, חז״ל, וועלכע האָבן אַוועקגעלייגט אָט־דעם דערהויבענעם פּאסטולאַט, האָבן אָבער קיינמאָל ניט פאַרזיכערט, אַז אָט־דער פּרינציפּ קען אויך ברענגען אַן עליה פון די מערב־לענדער . . .

און ווען מיר רעדן וועגן ציוניסטן און עליה, זאָל מיר דערלויבט זיין צו דערמאָנען, וואָס כ׳האָב אַמאָל געזאָגט צום חשוב׳ן ראש־הממשלה, ווען ער האָט אונדז באַערט מיט זיין באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. — ווען איר, ווירדיקער ראש־הממשלה, — האָב איך געזאָגט, — האָט אַדרעסירט אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע פאָרשטייער פון גאַנצן לאַנד און האָט אין אייער רעפעראַט אָנגערירט די פראַגע פון עליה פון אַמעריקאַנער יידן, האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלטע געשעמט. די ציוניסטן האָבן זיך געשעמט, וואָס זיי האָבן נאָך ניט מקיים געווען די מצוה פון עליה; די ניט־ציוניסטן, ווידער, האָבן זיך גערויטלט, ווייל איר האָט אָנגערירט אַ דעליקאַטן ענין, וועלכער שטעלט דעם אַמעריקאַנער יידן אין אַ פאַרלעגנהייט. דאָס איז פאַר מיר אַ וויכטיקע מאַניפעסטאַציע פון דעם פונדאַמענטאַלן אונטערשייד צווישן אַ ציוניסט און אַ ניט־ציוניסט. ואל יהא הדבר הזה קל בעינינו!

רעליגיעזער ציוניזם האָט פון זיינע סאַמע ערשטע טעג פאַרבונדן זיין גורל מיטן גורל פון טאָטאַלן ציוניזם. בויענדיק זיין אייגן ווינקל אין לאַנד פון די אבות און קעמפענדיק פאַר זיינע ספּעציפישע פּאָזיציעס אַלס תורה־פּאַרטיי, האָט די באַוועגונג, צו וועלכע איך האָב דעם כבוד צו געהערן — מזרחי־הפועל המזרחי — זיך שטענדיק באַטראַכט אַלס אינטעגראַלער טייל פון אַל־אומ־פאַסנדיקן ציוניסטישן גוף, וואָס מיר האָבן צוזאַמען אַנטוויקלט, צוזאַמען געשפּייזט און צוזאַמען אים צוגעגרייט פאַר זיינע היסטאָרישע אויפגאַבן, וועלכע

ער האָט מיט סיעתא דשמיא, אין אַ גרויסער מאָס, גלאַררייך דערפילט. מיר האָפן, אַז אונדזערע גרויסע פירערס וועלן מיט אַנטשלאָסנקייט און גלויבן אין דער ציוניסטישער אידעע אויך ווייטער אָנהאַלטן דעם כלל־ישראל כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דורך געבן דעם ציוניזם די אַלט־נייע אויפ־גאַבע פון פאַרבינדן יידן מיט ארץ־ישראל דורך די פאַרשידענע עקזיסטירנדיקע אידעאָלאָגישע שטרעמונגען און אידעאישע פאַרטיילונגען. זאָל אונדז קיינער ניט איינרעדן און לאָמיר ניט דערלויבן די פאַלסיפיקאַציע, אַז דער ציוניסטישער פאַרטיי־לעבן האָט, חס ושלום, געשאַדט דעם ציוניזם. געוויס וואָלטן מיר וועלן ניט ווייניקער פון אַנדערע, אַז דער טאָג פון פולשטענדיקער יידישער פאַר־אייניקונג זאָל שוין קומען; אַ פאַראייניקונג אָן מחיצות און אָן רעזערוואַציעס. פאַר אונדז איז אַזאַ זאַך נאָר מעגלעך און דערלאָזבאַר ווען אַלע שיכטן פון פאָלק וועלן זיך פאַראייניקן אויף דער פּראָגראַם פון „לתקן עולם במלכות שדי". כל זמן אַזאַ אחדות איז נאָך ניט פולקאָם רעאַליזירט, לאָמיר זוכן דאָס געמיינשאַפטלעכע, וואָס פאַראייניקט אונדז, אין דער האָפענונג, אַז מיטן לויף פון דער צייט וועט דער מאור פון יהדות אונדז אַלץ מער און מער דער־נענטערן איינער צום אַנדערן.

פאַרשיידענע השקפות און אידעאָלאָגיעס האָבן פּראָדוצירט פאַרשיידענע תרופות פאַר דער פאַרזיכערונג פון דער יידישער עקזיסטענץ. זיי האָבן געפירט אין פאַרשיידענע ריכטונגען אויסער צו באַדייטונגספולן יידישן המשך. בלויז ארץ־ישראל און תורה־יידישקייט שטייען פאַר אונדז אַלס היסטאָריש באַ־רעכטיקטע רפואות צו דער כראָנישער קראַנקהייט פון יידישער אַסימילאַציע. די טאָג־שולן אין גלות האָבן געראַטעוועט אונדזער גייסטיק־זינקענדיקן יידנטום אין אַמעריקע, כאָטש מיט אַ פאַר צענדליק יאָר צוריק האָט מען געלאַכט פון אונדז, פרומע יידן, וועלכע מאַכן דעם נאַרישן פּרווו צו שלעפן די קינדער פון עמאַנציפּירטע יידן צוריק אין געטאָ אריין. און ארץ־ישראל, וועלכע האָט אין איר באַפרייאונג אָראָפּגענומען דעם שאַנד־פלעק פון יידישן פאָלק, אַז ער איז פּעאיק בלויז צו שניידן וואָס אַנדערע זייען און בויען אויף פרעמדער ערד; ארץ־ישראל בויט זיך ניט בלויז אַלס לאַנד, נאָר בויט אויך — אפשר אומבאַמערקטערהייט פאַר פילע — דאָס יידישע פאָלק אַלס פאָלק פון תורה און יהדות.

כ׳געהער ניט צו די יידן, וועלכע קלאָגן אויפן גורל פון רעליגיעזן יידנטום אין מדינת־ישראל. איך שטאָלציר מיט דעם וווקס פון יידישקייט אין

ארץ־ישראל, פילנדיק, אַז דער רעליגיעזער ציוניזם, טאַקע דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ שותף אין בויען די מדינה, האָט רעאַליזירט זיין פראָגראַם פון „ארץ־ישראל, לעם ישראל, על פי תורת ישראל״ ניט אין קיין קלענערער מאָס, ווי ציוניזם אין אַלגעמיין האָט דורכגעפירט זיין פראָגראַם פון „ארץ־ישראל לעם ישראל״.

מיר אַלע צוזאַמען, היסטאָרישע שותפים אין בויען די מדינה, און וועלכע זיינען „מצווים ועומדים״ איר צו היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ, דאַרפן אין זינען האָבן די באַרימטע חסידישע מעשה, וואָס דערציילט ווי איינער פון די נאָכפאָלגער פון בעש״ט האָט בלויז דורך אַ קוק טאָן אויף אַ וואַנט־זייגער אין קרעטשמע דערקענט, אַז דער זייגער שטאַמט פון הויז פון אַ צדיק. ווען אַ קורצע חקירה ודרישה האָט באַשטעטיקט, אַז דער זייגער געהערט טאַקע צום „חוזה״ און ווען מען האָט געפרעגט דעם דורכפאָרער, ווי אַזוי האָט ער עס געטראָפען, האָט ער דערקלערט: פון יעדן זייגער שלאָגט אַרויס עצבות, ווייל — מאי קא משמע לן דער זייגער? וואָס לאָזט ער אונדז צו הערן מיט זיין טיק־טאַק? ער דערמאָנט אונדז כסדר — נאָך אַ מינוט נענטער צום סוף; נאָך אַ מינוט נענטער צום טויט. אַנדערש איז אָבער אָט־דער זייגער. גלייך ווי איך בין אַריין אין קרעטשמע, האָב איך דערפילט זיין אַנדערשקייט; פון אים האָט אַרויסגעפראַלט שמחה, און זיין שטימע האָט דערמאָנט גאולה. זיין טיק־טאַק האָט אָנגעזאָגט: נאָך אַ מינוט נענטער צו ישועה, נאָך אַ מינוט נענטער צו גאולה, נאָך אַ מינוט נענטער צו ביאת־המשיח!

זאָל דער 25־טער ציוניסטישער קאָנגרעס אריין אין דער געשיכטע אַלס דער קאָנגרעס וואָס האָט דערמוטיקט די גייסטער, דערהויבן די הערצער און פאַראייניקט די כוחות און די מוחות צוצוגרייטן דאָס יידיש פאָלק פאַר זיין פולשטענדיקער דערלייזונג.

(פון אַ רעדע ביים 25טן ציון קאָנגרעס)

רעליגיע אין מדינת ישראל

בריוו־אויסטויש צווישן הרב מרדכי קירשבלום און פרעמיער דוד בן־גוריון

א בריוו צו דוד בן־גוריון פון הרב מרדכי קירשבלום

אדוני, ראש־הממשלה הנכבד!

כ׳שטעל מיר פאָר, אַז דער „דואר־ישראל" איז שטאַרק באַלאָדן די טעג מיט אַן אויסערגעוויינלעכן טראַנספּאָרט פון בריוו, וואָס שטראָמען מארבע כנפות הארץ; בריוו פון די „חכמי ישראל", וועמען איר האָט אַזוי פריינטלעך אנגאזשירט אין דער עקספּלאָדירנדער פראַגע: „ווער איז אַ ייד". בדרך כלל, ווייס איך, זייט איר אַ קנאַפּער חסיד פון דער טעאָריע, אַז די יידן אין גלות, אַריינרעכענענדיק די חכמים צווישן זיי, האָבן וועלכע עס איז רעכט זיך צו מישן אין די אינערלעכע ענינים פון ישראל. אָבער ווי זאָגט דער אַלטער תלמוד׳ישער כלל: „הכל תלוי במזל" און דער אויבנדערמאָנטער טראַגיש־משונה׳דיגער פּראָבלעם פון „ווער איז אַ ייד" האָט זוכה געווען, אַז אַלע פּרינציפּן פון ניט־אַריינמישונג זאָלן געשטעלט ווערן אין אַ זייט, אַבי זיך דערגרונטעווען צום אמת.

ווילט זיך בלויז האָפן, חשוב׳ער ה׳ בן־גוריון, אַז דער פּרעצעדענט פון זיך באַראַטן מיט חכמי־ישראל מכל המינים, וועט נאָכגעפאָלגט ווערן ניט בלויז אין ענינים פון תורה און הלכה — וואו ס׳רעגירט אייגנטלעך דער אייביקער געזעץ פון „שזאת התורה לא תהא מוחלפת" און אַלע פלעביסציטן זיינען נוצלאָז און זינלאָז — נאָר אַז איר וועט זיך אויך מיישב זיין מיט חכמי־ישראל וועגן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ענינים, דאָרט וואו עצות קענען פילמאָל העלפן צו פאַרמיידן געוויסע טעותים און אונטער אַלע אומשטענדן קענען זיי אויסשמידן אַ טיפערע פאַרשטענדעניש און אַ פעסטערן בריק צווישן די יידן אין דער מדינה און די יידן איבער דער וועלט.

אין דעם בריוו מיינעם וויל איך ניט אַריינגיין אין דעם עצם פּראָבלעם פון „ווער איז אַ ייד", וועלכע האָט טיף פאַר׳שיכור׳ט די רעלי־גיעזע יידישע וועלט און האַלט איר שוין מאָנאַטן אין גרויס אויפרעגונג און זאָרגפולער שפּאַנונג. דעם ענטפער אויף דער פראַגע וועט איר זיכער קריגן אין לכל הפחות אַ געוויסער צאָל פון די בריוו, וועלכע איר וועט דערהאַלטן אויף אייער אָנפראַגע. כ׳וויל אויך ניט דיסקוטירן די ליסטע פון „חכמי ישראל", וועלכע איר האָט צוזאַמענגעשטעלט, וואו אַ צאָל אמת׳ע תורה־חכמים און גאוני־הדור, וועלכע האָבן אַ דירעקטע שייכות מיטן ענין, זיינען אַרומגערינגלט מיט חכמים, וועלכע האָבן זיך אַ היבש ביסל גע־רויטלט פון דעם אומדערוואַרטעטן טיטל און די ניט־פּאַרדינטע קאָמפּעטענץ, מיט וועלכער איר האָט זיי באַשאָנקן אין אַן ענין, מיט וועלכן זיי האָבן ניט קיין שייכות. זאָגט מיר דאָס האַרץ, אַז חכמים און געלערנטע, אויב אַפילו אימיצער פון זיי עס האָט ניט קיין אַנונג און קיין קאָמפּעטענץ אין יידישער הלכה, וועלן דאָך האָבן די דרייסטקייט און ערלעכקייט אייך צו אינפאָרמירן, אַז איר האָט זיך עפּעס געווענדעט צום ניט־ריכטיקן אַדרעס. ס׳איז ביי מיר פונקט אַזוי קלאָר, אַז די תורה־חכמים וועלן אייך ניט בלויז באַקענען מיטן דעת־תורה אין דעם פּראָבלעם — הזעלכע ס׳ווערט, אגב אורחא, ניט אויסגעשעפּט אין הייליקן תנ״ך, נאָר מוז אויך אָנקומען צום לעבעדיקן וואָרט פון דער הלכה — נאָר זיי וועלן אייך אויך דערמאָנען, אַז ס׳איז דאָ אַ רבנות ראשית אין ארץ־ישראל, וועלכע האָט אייך געקענט שפּאָרן אַ סך צייט און מי און אייך קלאָר דעפינירן ווער ס׳איז אַ ייד לויט אונדזער הייליקן געזעץ, היסטאָרישער ערפאַרונג און קדושה׳דיגער געשיכטע.

דער צוועק פון מיין בריוו, ווי שוין געזאָגט, איז ניט צו געבן קיין ענטפער אויף אייערע וואָגיקע שאלות. „נדרשתי ללא שאלוני" איז אַ מידה, וואָס בלויז דער רבונו של עולם קען זיך פאַרגינען איר צו פּראַק־טיצירן. מיין צוועק איז, פאַרקערט, צו שטעלן אייך, זייער חשוב׳ער פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל, אַ פּאָר פראַגן, וועלכע לפי עניות דעתי, וואָלט איר זיך מעגן פאַרטיפן אין זיי און אפשר גאָר שנעל זיי פאַרענטפערן. דער ענטפער דאַרף ניט זיין קיין שריפטלעכער דוקא. פאַרקערט, ער קען און דאַרף זיך אויסדריקן אין מעשים און אין אַ נייער באַציאונג צום תורה־יידנטום, די רבנות ראשית און די יידישע הלכה, וועלכע האָט דורכגעטראָגן יידישן קיום פאַר ניינצן הונדערט יאָר פון שווערן גלות און באַגייסטערט

אונדזערע טאַטעס און זיידעס אויסצו׳חלומ׳ען, אויסצודאַוונען און אויסצו־וויינען די יידישע מדינה.

מיין ערשטע פראַגע, חשוב׳ער ה׳ פרעמיער, איז אַ פשוט׳ע: צו וואָס דאַרפט איר עס און וואָס טויג עס אייך? כ׳מיין אָט די קינסטליך־געשאַפענע פּראָבלעמען, וועלכע קענען בלויז צושפּאַלטן דאָס פאָלק, אונטער־גראָבן רחמנא־ליצלן די יסודות פון אונדזער עקזיסטענץ און אוממעגלעך מאַכן פאַר אַ תורה־יידן אַרויפצוקוקן אויף מדינת־ישראל אַלס די האָפנונג צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון יידנטום און ניט בלויז פון פאַרגרינגערן די מערכה פון יידנטום. צו וואָס טויג עס אייך אַריינצוברענגען אַ ריס אין יידישן פאָלק און שטויסן בידים ערלעכע און געטרייע יידן, אויסגעפּרו־בירטע נאמנים צו מדינת־ישראל, אין דעם ענגן און אומאַנגענעמען ווינקל פון שאַרפן אַנטאַגאַניזם צו דער ממשלה פון ישראל? פאַרוואָס און צו וואָס זאָלן מענטשן מיט אַ גרויסער פאַרגאַנגענהייט פון היסטאָרישע מעשים און מסירת־נפש פאַר עם־ישראל און ארץ־ישראל זיך לאָזן פאַרפירן און פאַרשלעפּן אויף אַ ריזיקאַלישן וועג, וועלכער קען זיי גענצלעך באַרויבן פון זייער פאַרדינטן פּלאַץ אין די הערצער פון אַלע יידן, אָן אויסנאַם. כ׳מיין, באמת, אדוני ראש־הממשלה, צו האָבן מיר שוין טאַקע אַזוי פיל פריינט און אַליאירטע צווישן דער דרויסנדיקער וועלט, אַז מיר זאָלן זיך קענען ערלויבן דעם לוקסוס פון פאַרפרעמדן און ענטפערבען אונדזערע ברידער און שוועסטער פון תורה־יידנטום?

שוין צען יאָר, ב״ה, ווי שול־יידן דריקן אויס שבת־איין און שבת־אויס אין שענסטן און הייליקסטן וועג זייער צוגעבונדנקייט ניט בלויז צו דער מדינה, נאָר אויך זייער ליבע און אַכטונג פאַר דער רעגירונג פון ישראל. זיי דריקן עס אויס אין אַ מאָמענט פון התרוממות הנפש, ווען זיי דריקן די הייליקע ספר־תורה צום האַרצן און אין דראַמאַטיש־רירנדע ווערטער דאַנקען זיי גאָט פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, די ערשטע שפּראָצונגען פון אונדזער גאולה, פונקט ווי זיי זיינען מתפלל פאַר דעם וואוילזיין פון ראש־הממשלה, זיינע מיניסטאָרן און קאַבינעט־מיטגלידער. אָט די תפילה, פאַרפאַסט דורך דער רבנות־ראשית, האָט איינגעוואָרצלט אין די הערצער פון רעליגיעזן יידנטום דעם יסודות׳דיקן געדאַנק, אַז מדינת־ישראל איז ניט בלויז אַ גרויסע נאַציאָנאַלע דערגרייכונג, נאָר אַן אויס־דערוויילטע מתנה פון גאָט, וואָס גרענעצט זיך מיט „אתחלתא דגאולה״ און

וועלכע וועט עווענטועל פירן צו דער גאולה שלימה. וועמענס נוצן וועט עס דינען, פרעג איך, אויב מען וועט אויפברויזן די גייסטער, ברעכן די אחדות און צוטרייסלען די בריק צווישן ישראל און יידן איבער דער וועלט? די בריק וועלכע איז אַזוי פּראַכטפול געבויט געוואָרן — אין אַ גאָר גרויסער מאָס דורך אייער מי און וויזיע — במשך פון ערשטן עשור פון דער מדינה? צו וואָס טרייבן יידן צו דער ניט־פּריילעכער מחשבה, אַז ווער־ווייסט, אפשר שטייט איצט ארץ־ישראל ביים ראַנד פון אַ קולטור־קאַמף, וועלכער קען אין גרויסער מאָס פּאַרטונקלען די ליכטיקייט פון אונדזערע דערגרייכונגען אין אונדזער אַלט־ניי־לאַנד און, חס ושלום, וואַרפן אַ שרעקענדן שאָטן אויף דער צוקונפט פון יהדות אין מדינת־ישראל און במילא אויך אין דער גאַנצער וועלט. ווייס איך, אַז דאָס איז אַ מחשבה־זרה, ווייל חז״ל האָבן אונדז שוין פון לאַנג פאַרזיכערט, אַז יהדות און תורה האָבן מער צוקונפט אין ארץ־ישראל — ווען אפילו בר־יהודה׳איזם שטייט אין וועג פון יודאאיזם — ווי זיי האָבן אין גלות אונטער די בעסטע באַדינגונגען. „כל הדר בארץ־ישראל דומה כמי שיש לו אלוקה, וכל הדר בחוץ־לארץ דומה כמי שאין לו אלוקה". דאָס איז אָבער אַן ענין פון אמונה און ווייטזעענדיגער אינטואיציע. דער וועלכער קוקט אָבער אויבער־פלעכלעך און פון שטאַנדפּונקט פון מאָמענט, קען דאָך אָבער קומען אויך צו גאַנץ אומעטיקע געדאַנקען און גאָר אַנטמוטיקנדיקע באַשלוסן — אַ זאַך, וועלכע די רעגירונג פון ישראל מוז פאַרמיידן און טאָר בשום אופן ניט דערלאָזן. מדינת ישראל מוז בלייבן די האָפענונג פון אַלע יידן איבער דער וועלט, סיי די, וועלכע ליידן פון ירידת־הגוף און סיי די יידן, וועלכע פילן אפילו אין בעסטן גלות אַ ירידת־הנפש און זוכן ערלעך, אויב אַפילו צו פּאַמעלעכדיק, פּאַר אייער טעמפּעראַמענט, אַ וועג צו מתקן זיין זייער גייסטיקן לעבן דורך עליה קיין ישראל.

די בר־יהודה קאָנצעפּציע פון „ווער איז אַ ייד" איז זיכער עלול אָנצומאַכן אַ חורבן אין פילע יידישע ישובים איבער דער וועלט, וואו די מחיצות צווישן ייד און ניט־ייד פאַלן ליידער פאַנאַנדער און ווערן פאַר־שווענקט און פאַרשוואונדן אין באַדייטנדער מאָס. ביים איצטיקן מאָמענט עקזיסטירט נאָך אַ קאַמף צווישן איינגעוואָרצלטע עלטערן און וואָרצלאָזע קינדער. פוסטע צווייגן פון שטאַרקעביימער ווערן שנעל פאַרטראָגן דורכן ווינט פון פרעמדע אידעאָלאָגיעס אין אַלדי־רוחות. ווען די קרוין פון יהדות זאָל אויך אין ארץ־ישראל געגעבן ווערן אויטאָמאַטיש און לייכט־

זיניק צו יעדן, וואָס דעקלאַרירט זיך אַלס ייד, אָן מילה און אָן טבילה, אָן גיור און אָן אַ פאָרמעלער אַקצעפּטירונג פון וואָס מיר באַטראַכטן אַלס דער קדושה׳דיקער לאַסט פון יידנטום, וואָס וועלן מיר דאַן קענען דער־וואַרטן אין לענדער פון פורכטבאַרער אידעאָלאָגישער אַסימילאַציע? מיט וועלכע כלים און מיט וועלכע אַרגומענטן וועלן מיר קענען באַקעמפן אָט דעם פאַרראַט צום יידנטום און אים פסל׳ענען אין די אויגן פון טראַגיש־לייכטזיניקע יונגע מענטשן, וועלכע פילן אינטואיטיוו, אַז „כי מציון תצא תורה״, ארץ־ישראל איז דער ביישפיל און דער וועג־ווייזער פאַר דער גאַנצער יידישער וועלט.

כ׳בין, אגב אורחא, אויך ניט זיכער, אדוני ראש הממשלה, אַז אין ארץ־ישראל עקזיסטירט בכלל ניט די סכנה פון אַסימילאַציע, ווייל — ווי ס׳פאַרזיכערן אונדז געוויסע עקספּערטן — מוז דאָרט אַפילו דער גוי זיך אויסלעבן ווי אַ ייד און זיך פולשטענדיק אַסימילירן אין דער יידישער סביבה. די זאַך איז גאָרנישט אַזוי פּשוט ווי מען מאַכט עס. ניט שטענדיק, האָפן מיר, וועט ישראל שטיין אין קאַמף מיט אירע שכנים. ווער נאָך מער ווי איר שטרעבט און טוט צו בייטן דעם קלימאַט אין מיטעלן־מזרח פון כסדר׳דיקן קאַמף און פּחד פאַר מלחמה, צו אַ תקופה פון פריינטלעכע באַציאונגען מיט די אַראַבער און פולשטענדיקן שלום מיט זיי. זאָגט מיר עפּעס דאָס האַרץ, אַז ווען די מלחמה־ווענט וועלן צופאַלן און אַ גייסט פון פאַרברידערונג וועט אַרומנעמען דעם מיטעלן־מזרח, דאַן וועט אַ גייסטיק־אומגעפּאַנצערטע יידישע יוגנט אין מדינת־ישראל שטיין פאַר שווערע נסיונות און פּראָבלעמען פון געמישטע הייראַטן און אַראַבישער אַסימילאַציע; אַ נאַטירלעכע רעאַקציע פון יאָרן פון סעפּאַרירונג און אָפּ־געשיידקייט פון זייערע שכנים, וואָס בלויז טיפע וואָרצלען אין היסטאָריש־יידישן לעבן קען בייקומען. די מגד׳ס, וועלכע פרעדיקן שוין איצט, אַז אַן ארץ־ישראל־ייד קען רעליגיעז אויך זיין אַ קריסט אָדער אַ מוסולמענער, וועלן ערשט דאַן זיך ריכטיק פונאַנדערגיין אין דער שירה פון שמד, זעענדיק אין דעם אַ בריק צו ברידערלעכקייט און שלום צווישן ישראל און ישמעאל. „איזהו חכם הרואה את הנולד״... „ודי לחכימא ברמיזא״.

יאָ, חשוב׳ער ראש הממשלה, ווען מען עפנט דעם קראַן פון אָפּ־לייקענונג פון דער יידישער הלכה און מסורה, קען מען, חס ושלום, פאַרפלייצן די גאַנצע וועלט פון יידישער עקזיסטענץ. ניט בלויז אביי ורבא, פאַר וועמען איר האָט, ליידער, ווייניק געפיל, ווערן איגנאָרירט, נאָר


אויך ישעיהו און יחזקאל, עמוס און מלאכי, פאַר וועמען איר האָט פולע אַנערקענונג און פון וועמען איר שעפּט אינספּיראַציע — אויך זיי פאַרלירן דאַן זייער השפעה אויף דעם נייעם דור, וועלכער וועט זיכער אויסקלייבן די צעבראָכענע ברונימער פון דער מאָדערנער וועלט.

טייערער בן־גוריון! איר האָט באַוויזן אויסערגעוויינלעכן מוט און גבורה אין אייער לאַנגער און גלאָררייכער קאַריערע אַלס פירער און רעגירער. איר האָט געהאַט די גבורה צו שיקן אין קאַמף די צבא הגנה לישראל אין די וויסטעניִשן פון סיני, כאָטש געוויסע פּאָליטיקער האָבן עס געהאַלטן פאַר ריזיקאַליש און זינלאָז. איר האָט אויך באַוויזן ניט ווייניקער מוט און קוראַזש, ווען איר זייט געוואָרן איבערצייגט, אַז דער וואויל און בעסטן און די צוקונפט פון דער מדינה פאָדערן, אַז די זעלבע טריאומ־פירנדיקע חיילות פון ישראל זאָלן צוריקטרעטן פון מדבר סיני און עזה. פון אַזאַ קוראַזשפולן פירער ווי איר קען מען דערוואַרטן, אַז איר זאָלט אויך האָבן דעם מוט זיך צוריקציען פון אייער איצטיקן ברוגז־שפּיל מיטן רעליגיעזן יידנטום און אַ סוף מאַכן צו דער קאַלטער מלחמה, וועלכע איר פירט מיט זיי.

גלויבט מיר, חשוב׳ער בן־גוריון, אַז אָן קיין שום פּאַרטייאישע אינטערעסן און חשבונות, און בלויז פון שטאַנדפּונקט פון דער מדינה, בעט איך אייך האַרציק און ערנסט: זייט אַ גוטער שליח „להחזיר את העטרה ליושנה״, פּונקט ווי איר זייט געווען דער אינסטרומעט פון גאָט פון ציון אין פּראָקלאַמירן די מדינה, דערלאָזט ניט, אַז „משכילים״ און קליינ־שטעטלדיקע אַפּיקורסים, וועמענס אידעאָלאָגישע תקופה איז שוין לאַנג פאַרי־בער און ליגט פאַרשימעלט אין פאַרגעסענע מעשה־ביכלעך, זאָלן אויפ־שטעלן אין דער מדינה אַ מחיצה צווישן ייד און ייד און געבן דעם וואַקסענדן תורה־טרייען יידנטום אין דער וועלט און באַזונדערס אין אַמעריקע אַ געפיל פון אינערלעכער צעטרייסלונג, און צעטומלעניש.

הלואי זאָלן מיינע „דברים היוצאים מן הלב״ אַריינדרינגען אין אייער גרויס האַרץ און צוריקברענגען שלום און אחדות אין יידישן פאָלק און אין דעם יידישן לאַנד.

הלואי!



פרעמיער דוד בן־גוריון'ס תשובה צו הרב מרדכי קירשבלום

למר מרדכי קירשבלום, שלום וברכה! מיט פאַרוואונדערונג און צער האָב איך געלייענט בעיון אייער בריוו אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" פון 15־טן יאַנואר ד. י. איך צווייפל נישט, אַז איר האָט געשריבן מחמת זאָרג פאַר אחדות־ישראל און דער צוקונפט פון דער מדינה. איך האָב דעריבער מיטן גאַנצן ערנסט מעיין געווען אין אייערע רייד, סיי צי איך בין מסכים אָדער נישט מסכים מיט זיי; וואָרים עס איז נישטאָ פאַר מיר קיין ספק, אַז איר האָט נישט געהאַט די כוונה צו דערצערענען און באַשולדיקן, נאָר מחזיר למוטב זיין.

אַ טייל, אָבער, פון דעם, וואָס איר שרייבט, רופט אַרויס דער־שטוינונג, און איז, אין אַ נישט־קליינער מאָס, באַדויערנסווערט: פון וואַנען נעמט איר אָן, אַז איך טראַכט, אַז די יידן אין אויסלאַנד האָבן נישט קיין רעכט זיך אַריינצומישן אין די אָנגעלעגענהייטן פון ישראל?

מיין מיינונג איז אַ פּונקט פאַרקערטע, און איך האָב דאָס אויך שוין נישט איינמאָל עפנטלעך דערקלערט. איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז ארץ־ישראל באַלאַנגט נאָר צו די יידן, וועלכע וואוינען דאָרט, און אַז די יידישע מדינה איז געשאַפן געוואָרן בלויז פאַר אירע בירגער אָדער אפילו דורך אירע בירגער אַליין.

אויף דער סעסיע פון ציוניסטישן ועד הפועל אין ירושלים, דעם 18־טן יולי 1957, האָב איך דערקלערט, אַז: „איך בין פריער אַ ייד און ערשט דערנאָך — אַ ישראלי; אַז לויט מיין מיינונג, איז די מדינה געשאַפן געוואָרן פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק, און אַז אין זיין זכות עקזיסטירט דאָס נאַציאָנאַלע אחדות פון די יידן אין דער וועלט".

דאָס דאָזיקע אחדות איז באַזירט אויפן גורל־שותפות; דעם שותפות פון אַ גרויסער היסטאָרישער ירושה; דעם שותפות פון דער צוקונפט־האָפענונג.

די זאַך, וואָס האָט געזיכערט די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק אין אַלע דורות און האָט געברענגט צו דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה, איז געווען — דער משיח־אידעאַל פון די יידישע נביאים; דער אידעאַל פון יידישער און מענטשלעכער גאולה; די יידישע מדינה איז דער אינסטרומענט, וואָס דאַרף פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן משיח־אידעאַל.

אייער עצה, זיך צו באַראַטן מיט די חכמי־ישראל (אויך מיט די נישט־יידישע געלערנטע) בנוגע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פראַגן, האָבן

